START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH
DRAMA

PRESERVATION
PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1877.4

Tomashefsky, Boris.
Shlemke un Rikel: komishe operetke in 4 aktn.
Varshe: Farlag "Teater bibliotek", 1926.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1877.4

Tomashefsky, Boris, 1866-1939.
Shlemke un Rikel : komishe operetke in 4 aktn / fun Tomashevski. Varshe : Farlag "Teater bibliotek", 1926.
47 p. ; 22 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID: NXYH02-B1883 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /106126a

Reduction ratio X 10.0

פאַרלאַג „טעאַטער ביבליאָטעק"

שלמקע
ריקעל
און

קאָמישע אָפּערעטקע אין 4 אַקטן.

פון טאָמאַשעווסקי

PRINTED in POLAND

וואַרשע 1926

Perli
127

פערזאָנען:

שלמקע - אַ חזן.
ריקעל - זיין ווייב.
דודל - זייער זון.
אסתר - זיין פרוי.
סאַבינע - זיין קינד.
יחזקאל - אַ דין.
פרימע - זיין ווייב.
יונה - אַ שמש.
דאָקטאָר שווארץ.

ערשטער אַקט.

(אַ שיין צימער, מיט אַ פּיאַנינע ביי דודן, ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף, הערט מען אַ כאָר זינגען אונטער די קוליסן. נאָכן געזאַנג הערט מען קלינגען).

אויפטריט שלמקע, ריקעל.

ריקעל: אַ שווארצער חלום צו מיינע שונאימס קעפ! זע נאָר עס איז דאָך נישטאָ אַפילו צו וועמען צו זאָגן אַ גוטן אָוונט. אַזוי נעמט מען אויף געסט? וואָס איז דאָ פאַר אַ שמחה? מאַכט מען דאָס חוזק פון אונז?

שלמקע: אוי ריקעל, וואָס ביזטו שוין אין כעס, ערשטנס זענען מיר דאָך נישט געקומען צו דער שמחה אַליין, מיר זענען דאָך געקומען צו דער שמחה פון אונזער אייניקל אויך, און צווייטנס פונוואַנען זאָל אסתרל וויסן, אַז אירע שווער און שוויגער זענען דאָ. (געלעכטער אונטער דער סצענע) שאַ, דו הערסט עפּעס? דאָרטן זענען שוין אַלע דאָ.

ריקעל: (שרייט אין טיר) אסתרל, אסתרל!

שלמקע: (ער שלעפּט זי צוריק) ריקעל וואָס שרייסטו אַזוי? עס איז דאָך אַ מיאוסע זאַך פאַר מענטשן!

ריקעל: (שרייט) אָט דאָס הייסט ביי דיר געשריגן?

שלמקע: אוי, ריקעל, פאַרוואָס פאַרמאָג איך נישט דיין קול? וואָס פאַר אַ טייערער חזן איך וואָלט געווען (סצענע מיטן קאַמערטאָן) אסתר! אסתר! זייזשע מוחל...

אויפטריט אסתר (פון לינקס).

אסתר: אָ, איר זענט עס שווער און שוויגער לעבן, וואָס פאַר אַ ליבע געסט איר זענט מיר. וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? איך האָב שוין גאָרנישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן.

ריקעל: איך שלעפ אים שוין פון א שעה און דער פלאקן האט זיך איינגעשפארט דוקא היינט מוז ער פארטיג מאכן זיין רבונו-של-עולם.

שלמקע: איי איז דאס א רבונו-של-עולם. הערסטו אסתר, האט מיר דיין מאן געמאכט א רבונו-של-עולם אויף יום-טוב, אזא מזל אויף מיר. אסתרל, וואס זעסטו עפעס אזוי שלעכט אויס? דו ביזט דאך היינט עפעס א בעל-שמחה, עפעס א קלייניקייט א געבורטס-טאג ביי דיין זונדעלע.

אסתר: יא, מיר האבן היינט א טאפלטע שמחה, ערשטנס, דער געבורטס-טאג פון מיין טייערן זונדעלע און צווייטנס, די שמחה לכבוד דעם פראצעס, וואס מיין דוד האט היינט געוואונען, וואס ער האט באפרייט זיינעם א קליענט, נישט מער, איך האב זייער פיל יסורים וואס מיינע עלטערן, זאלן לעבן זענען נאך נישט געוועזן, די געסט קומען זיך שוין צונויף און דא בין איך געווען אליין.

שלמקע: יא, איך האב געהערט, אז זיינע פריינד מאכן אים דא היינט א גאנצע חאשמע דיגראנדע, לכבוד דעם גרויסן פראצעס, וואס ער האט געוואונען און לכבוד דעם זונדעלעס געבורטס-טאג.

ריקעל: לאמיך נאר גיין א קוק געבן אויף דיין זונדעלע (חיל גיין).

אסתר: זייט מיר מוחל שוויגער לעבן, איך האב דאס קינד ערשט איינגעשלעפע ט.

ריקעל (אין טיר): מיר זאל זיין פאר זיינע ביינדעלעך!

שלמקע: האסט דאך געהערט, אז ער איז ערשט איינגעשלאפן געווארן. לאז אים נעבעך שלאפן ריקעל (מען קלינגט).

אויפטריט יחזקאל, פרימע.

אסתר: מזל-טוב דיר טאטעניו! מזל-טוב דיר מאמעניו!

שלמקע: ברוכים הבאים.

ריקעל: ס'קאצל-קומט, מחותן, איר זענט אויך געקומען? צו דער שמחה פון אונזער איניקל?

יחזקאל: וואס טוט ער דער קליינער?

אסתר: גאט זיי דאנק, ער שלאפט יעצט.

יחזקאל: אסתרל, און וואו איז דאס אצינד דיין מאן דער בעל-שמחה?

אסתר: ער איז נאך ביי זיין קליענט, איר האט דאך אודאי געהערט וואס פאר א וויכטיקן פראצעס ער האט היינט געוואונען.

שלמקע: ער איז דאך עפעס אן אדוואקאט (קאמערטאן).

ריקעל: און נאך וואס פאר אן אבלאקאט, מיינע ביינער זאל ער מיר איבערלעבן, זיין נאמען האט דאך א שם, יא, יא אסתרל, איך האב עס

דיר שוין א סך מאל געזאגט, און וועל עס האלטן אין איין זאגן, אז דו ביזט נאר אין איין הייבעלע געבוירן געווארן, וואס דו האסט באקומען אזא מאן ווי דודל (אסתר זיפצט) וואס דו זיפצט גאר?

אסתר: מיר דוכט זיך, אז דאס קינד האט זיך אויפגעכאפט, זייט מיר מוחל (אפ לינקס).

ריקעל: בנאמנות מחותנתטע פרימע, איך פארשטיי נישט אייער טאכטער.

פרימע: איי וואס אייך קען זיך אויסדוכטן!

ריקעל: ניין מחתנתטע, שוין א לענגערע צייט, זייט דאס קינד איז געבוירן געווארן, גייט אייער טאכטער אום מרה-שחורהדיק.

פרימע: איי וואס אייך קען זיך אויסדוכטן.

ריקעל: מיר דאכט זיך שוין גארנישט, איך קום דא אהער יעדן טאג און איך זע.

פרימע: נו, א מענטש קען דאך נישט זיין תמיד פריילעך און לוסטיק.

ריקעל: פארוואס נישט? רבונו-של-עולם, זי וואלט דאך געדארפט זיך אויסטון נאקעט און טאנצן אינמיטן דער גאס, וואס זי האט אזא מאן ווי דודל.

שלמקע: אלמאי, ריקעל פארוואס טאנצסטו נישט פאר גדולה וואס דו האסט מיך פאר א מאן דודלס טאטע?

ריקעל: משטיינסגעזאגט, טאנצן זאל איך נאך, וואס איך האב אזא מאן, אזא לעמישקע!

שלמקע: איר הערט עפעס, איך בין א לעמישקע.

ריקעל: ווען נישט איך, ווייסט איר וואס פון דודלען וואלט געווארן? אויך אזא דראנג, אזא קאטשאן ווי דער טאטע זיינער!..

שלמקע: איך בין א דראנג, איך בין א קאטשאן (קאמערטאן).

ריקעל: וואס דען ביזטו? איר הערט מחותנתטע," פאר יעדן שבת מברכים, און פאר יעדן יום-טוב, פונקט דעמאלט, ווען ער דארף דאוונען מיט זיינע משוררים, ווערט ער הייזעריק, דערפאר פארדינסטו דאך טאקע וואסער אויף קאשע... און פון אונזער דודלען האסטו דאך אויך שיעור געמאכט אזא טייערע כלי ווי דו ביזט...

שלמקע: איר מעגט עס הערן מחותן, די מעשה מיט דודלען איז אזוי געווען, נאך ווען ער איז געווען א ייִנגל, איז ער שוין געווען א מנגן מיט נאטען, און שפעטער, ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער שוין גע-מאכט גאר קאמפאזיציעס, איך האב זיי געזונגען ביים עמוד און דער עולם האט געלעקט די פינגער, איך האב באמת געמיינט, אז פון אים וועט אויס-

וואקסן אַ צאַצקע אַ צווייטער נישע, אינמיטן דערינען האָט ער זיך אָבער פּלוצים מישב געווען ניין; ער וועט נישט זיין קיין כּלי-קודש.

ריקעל: דאָס הייסט אַ קבצן.

שלמקע: און ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ צום לערנען, צום שטודירן.

ריקעל: און ווער האָט אים דערצו געהאָלפן? האָסטו אים אפשר מיט עפּעס געהאָלפן? פון דיין חזנות מ'שטיינסגעזאָגט, אָך זיין מאַמע! איך אליין, איך דערציי׳ל עס אַצינד אין פריידן, די אַלע יאָרן וואָס ער האָט שטודירט, פלעג איך גיין אין פרעמדע הייזער וועש וואשן, איך האָב מיך נישט געשעמט צו טון די שווערסטע אַרבעט, ביז מיין דודל איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז אַצינד... און וואויל איז דער מאַמען וואָס זי האָט דאָס דערלעבט.

שלמקע: אמת טאַקע, ריקעל! מיט געלט האָסטו אים טאַקע געהאָלפן, אָבער דאָס וואָס ער איז אַזוי באַרימט, דאָס איז ער דורך מיר.

ריקעל (שרייט): דורך דיר?! וואָס הייסט דורך דיר?

שלמקע: פּשוט איז פּשוט, אַזאַ באַרימטער אַדוואָקאַט ווי דודל, דאַרף דאָך עפּעס האָבן געהירן אין קאָפּ.

ריקעל: נו.

שלמקע: נו, נו, אָט די געהירן האָט ער פון מיר.

ריקעל: נו, און וואו בין איך, איך האָב גאָר קיין חלק נישט אין זיינע געהירן?

שלמקע: חס-ושלום, ווי קומט צו דיר געהירן?

ריקעל: וואָ-אָס?

שלמקע: דאָס וואָס דו הערסט, דו ווייסט פאַרוואָס מיר מאַכן אַ ברכה: שלא עשני אשה? ווײַל די ווייבער האָבן נישט קיין געהירן.

ריקעל: אַ שוואַרצער חלום צו דיין קאָפּ מיט דיינע געהירן! (וויל וואַרפן אַ טעלער).

יחזקאל: וואָס ווילט איר טון?

עיפּטריט אסתּר

אסתּר (כאַפּט זי אָן ביי די הענט): אום גאָטעס ווילן, שוויגער!

ריקעל: הער אסתּרל, מיר ווייבער האָבן נישט קיין געהירן. (וויל וואַרפן).

יחזקאל: פע, אַ פע! מחלוקת צווישן מאַן און ווייב.

ריקעל: איך האָרעווע אַזוי פיל יאָרן און פּלאָג מיך פאַר מיין קינד, קומט ער צום פאַרטיקן מקח, און איך האָב גאָר קיין חלק נישט אין מיין קינד.

יחזקאל: נאַרישקייטן אין קינדס מדות-טובות, האָבן ביידע אַ גלייכן חלק, די מאַמע אַזוי גוט ווי דער טאַטע.

שלמקע: זאָג איך דען, אַז דו האָסט קיין חלק נישט אין אים? נאָר פאַרשטייסטו מיך ריקעל, אַזאַ באַרימטער אַדוואָקאַט ווי דודל דאַרף דאָך האָבן צוויי זאַכן; ער דאַרף האָבן געהירן אין זיין קאָפּ און אַ פּיסק צום רעדן, און די צוויי זאַכן האָט ער פון אונז ביידע, די געהירן האָט ער פון מיר און דעם פּיסק פון דיר (זי וויל אים ווייטער וואַרפן).

אסתּר: נו, אַצינד גייט אַלע אַריין צו די געסט, זיי וואַרטן שוין דאָרט מיט אומגעדולד (אַלע אָפּ לינקס, אסתּר בלייבט, מען קלינגט).

אויפטריט שוואַרץ.

אסתּר: איר דאָ?..

שוואַרץ: יאָ מאַדאַם.

אסתּר: ווי האָט איר געוואַגט, ווייסט איר דען נישט, אַז אין דעם הויז האָט איר מער נישט וואָס צו טון?

שוואַרץ: איך בין געקומען ווייל איך האָב דערהאַלטן אָן איינלאַדונג צו אייער...

אסתּר: האָט איר דען נישט ערהאַלטן אַ בריוו, אַז איר זאָלט נישט קומען. חוץ דעם וואָס איר זענט מיין מאַנס פריינד און ער האָט אייך איינגעלאַדן.

שוואַרץ: יאָ, אייער בריוו האָב איך דערהאַלטן.

אסתּר: און דאָך האָט איר געוואַגט אַהער צו קומען!? גייט פונדאַנען!

שוואַרץ: נו, געוויס וועל איך גיין אויב איר פאַרלאַנגט עס דורכ-אויס, געדענקט עס אָבער מאַדאַם, איר וועט עס באַדויערן!..

אסתּר: איך וועל באַדויערן? איך באַדויער גענוג און פאַרשעלט דעם טאָג אין וועלכן מיין מאַן האָט מיר אייך פאָרגעשטעלט און איר זענט געוואָרן אונזער הויז-פריינד, איך האָב דאָך אייך געשריבן, געבעטן, אַז איר זאָלט נישט קומען, צו וואָס זענט איר אַהער געקומען?

שוואַרץ: צו וואָס איך בין אַהער געקומען? אסתּרל, שוין 2 יאָר, 2 לאַנגע יאָר, ווי איך לעב אין ליידן און אין מאַטער, איך האָב נישט געוואַגט אַהער צו קומען, ביז ענדלעך האָב איך מיך דערוואַרט אויף דעם גליקלעכן מאָמענט, ווי אייער מאַן האָט מיך איינגעלאַדן און באַשווערט מיך.

איך זאָל קומען, דען עס וואונדערט אים, וואָס איך בין שוין אזוי לאַנג ביי אים נישט געוועזן, און יעצט, ווען איך בין געקומען צו אייך אין הויז, פרעגט איר מיך צו וואָס איך בין געקומען אַהער ? איר פאַרשעלט דעם טאָג אין וועלכן מיר האָבן זיך באַגעגנט. אויף וואָס האָט איר אייך דען צו באַקלאָגן ? וואָס פעלט אייך ? איר לעבט אייך מיט אייער מאַן אַלס די זעלבע געאַכטעטע דאַמע און קיינער ווייסט נישט וואָס צווישן אונז איז פאַרגעקומען. אָבער וואָס איז פון מיר געוואָרן, אסתר, אסתר, איך קען נישט לעבן אָן אייך !

אסתר: שווייגט !.. שווייגט !.. איך וויל מער קיין וואָרט נישט הערן פון אייך, גייט פונדאַנען, איך וויל מיט אייך אונטער איין דאַך נישט זיין!..

שוואַרץ: איר טרייבט מיר דאָך פון אייער הויז, און אייער מאַן...

אסתר: מיין מאַן וועט נאָך אַלץ היינט וויסן, איך אַליין וועל אים אַלץ דערציילן, זאָל געשען וואָס עס דאַרף געשען, בעסער וויל איך שטאַרבן איידער זיין געצוואונגען מיט אייך צו בלייבן אין איין הויז.

שוואַרץ: איר וועט אים דערציילן, כאַ, כאַ, כאַ, איר שפאַסט, איר וועט דאָס נישט טון !

אסתר: איך וועל עס יאָ טון ! איך בין אַנטשלאָסן אויף אַלץ, נאָך היינט וועל איך אים אַלץ דערציילן.

שוואַרץ: דאָס וועט אָבער זיין זייער נאַריש פון אייך, ווייל אייער מאַן וועט אייך נישט און קען אייך נישט גלויבן, אַז איך האָב אייך היפנאָטיזירט און אַז איר זענט נישט געוואָרן מיינע מיטן גוטן ווילן...

אסתר: און חוץ דעם אַלעם, בין איך אַנטשלאָסן אים אַלץ צו דערציילן, אוממענטש ! פאַרוואָס האָט איר מיך פאַראומגליקט ?.. אָבער וואַרט

(מען הערט אַ גערויש אונטער דער סצענע)

שוואַרץ: שאַ, מען קומט !

אסתר: זאָל מען קומען איך בין אויף אַלץ גרייט.

שוואַרץ: אום גאָטעס ווילן, באַרואיקט אייך, איר וועט דאָס באַדויערן !

אויפטריט שלמקע, ריקעל, יחזקאל, פרומע און אַנדערע.

ריקעל: אסתרל, אסתרל, זע נאָר וואָס אין דרויסן טוט זיך, דוד איז געקומען צו פאָרן און די גאַנצע שטאָדט לויפט אים אַנטקעגן, מען באַוואַרפט אים מיט בלומען, מ'שרייט הורראַ !

(מוזיק שפּילט, מען זינגט).

חערט איר דאָרטן אַ געפּילדער
שטאַרקער אַלע מאָל און ווילדער
אַלע קומען, קומען, קומען, קומען
גראַטולירן אונזער דוד
לאָמיר זיי יעצט נישט שטערן
זיי זאָלן נישט צוטומלט ווערן
נו שטעלט אייך פאָר, נו קומט, נו קומט
ווי גרויס וועט זיין דער כבוד
נו קומט, נו קומט, נו קומט, נו קומט
באַגריסן אונזער גאַסט

סאָלאָ: צום קבלת־פּנים, באַגריסן אונזער זונדעלע
שרייען, זינגען, טאַנצן, שפּרינגען
צוליב דעם קינדעלע, אוי (ביס)

(אַלע חזרן איבער די סאָלאָ).

אַלע: אָמן, אָמן, אָמן !

אַלע שרייען: בראַוואָ ! בראַוואָ !).

אויפטריט דוד.

שלמקע: נו, דערצייל אונז אויך וועגן דעם פּראָצעס וואָס דו האָסט היינט געוואונען, עפּעס זאָגט מען דאָך גאָר, אַז עס איז געווען פּלאי־פּלאים.

דוד: יאָ, טאַטעניו, דאָס איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע פּראָצעסן. דער קליענט, וועלכן איך האָב היינט פאַרטיידיקט און וועלכן מיר איז געלונגען צו באַפרייען, איז באַגאַנגען אַ מאָרד...

ריקעל: געהרגעט אַ מענטש ?

דוד: ניין, צוויי מענטשן האָט ער דערהרגעט.

שלמקע: און איז דיר אים געלונגען צו באַפרייען ?

דוד: יאָ טאַטעניו.

שלמקע: חייסט עס, ער איז טאַקע אומשולדיק. איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט קיינמאָל נישט גענומען קיין פּראָצעס, סיידן דו ביזט זיכער, אַז דער קליענט איז אומשולדיק.

דוד: יאָ, טאַטעניו, מיין קליענט איז נישט מער ווי אַ שניידער און דערהרגעט האָט ער זיין אייגענע פרוי.

ריקעל: נישט פאַר מיר געדאַכט.

שלמקע: גאָט איז מיט דיר. ריקעל, שרעק דיך נישט אַזוי.

ריקעל: ווער איז ער דאָס דער רוצח?

דוד: מאַמעניו, דער רוצח איז דער ערלעכסטער מענטש, וואָס איך האָב אַמאָל באַגעגנט.

ריקעל: ערלעך, ווען מען דערהרגעט דאָס ווייב?

שלמקע: און וואָס פאַר אַ גבור ער האָט דאָס געמוזט זיין...

דוד: ניין סאַטעניו, פאַרקערט אַ שוואַכע ערלעכער אָפּגעמאַטערטער אַרבעטער.

שלמקע: וואָס הער איך? דערצייל אונז די גאַנצע מעשה.

דוד: צען יאָר זענען זיי געווען פאַרהייראַט, זי איז געווען אַ מוטער פון 2 קינדער, איר מאַן פלעגט שווער און ביטער אַרבעטן טאָג און נאַכט כדי איר אַלערליי פאַרגעניגנס צו פאַרשאַפן, ער האָט זי געליבט, פאַרגעטערט, זיך איינפאַך מקריב געווען פאַר איר, ביז ענדלעך ווען ער איז אַמאָל אַהיימגעקומען שפעט ביינאַכט, אָפּצורוען זיך, פון זיין שווערער אַרבעט און וואָס האָט דער אומגליקלעכער אָנשטאָט דעם געפונען? אויפן ערגסטן אופן האָט זי אים באַשווינדלט, און נאָך מיט וועמען?... מיט זיין בעסטן און געטרייסטן יוגנט-פריינט! נו, גייט אַריין אין זיין לאַגע, קען מען דען איינעם פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַר דעם וואָס ער האָט געטון אין אַזאַ שרעקלעכן מאָמענט? משוגע פון אייפערזוכט, האָט ער געכאַפט אַ שווערן האַמער און מיט איין קלאַפּ די שולדיקע אויפן אָרט דערהרגעט. אַזוי שנעל און אָן ליאַרם איז די קאַטאַסטראָפע געשען, אַז קיינער פון די שכנים האָט גאָרנישט געהערט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, זייער לייכט האָט ער געקענט אַנטלויפן און זיך ראַטעווען, אָבער וואָס האָט ער געטון? אַליין האָט ער זיך באַלד איבערגעגעבן דער פאָליציי אין די הענט און פון פאַרצווייפלונגס אויפגעשריגן: אַרעסטירט מיך! משפט מיך! איך האָב דאָ יעצט דערמאָרדעט מיין פרוי מיט איר געליבטן!

אלע: שרעקלעך!

(אסתר טוט אַ געשריי, פאַלט אין חלשות)

פרומע: טאָכטער, וואָס איז געשען?!

דוד: אסתרל! הערמאַן קום שנעל צו!

(שוואַרץ גייט צו איר צו, וויל נעמען איר האַנט)

אסתר: לאָזט מיך!

דוד: וואָס איז מיט דיר, אסתר?

אסתר: איך ווייס נישט דוד, מיר איז נישט גוט, איך וויל בלייבן אַליין...

דוד: אַנטשולדיקט אונז, ליבע געסט, לאָזט זי אַליין! (אלע אַפּ) אסתר טייערע, וואָס איז מיט דיר, איז עפעס דאָ געשען? פאַרוואָס ווייסטו אסתר? איך בעט דיר, וואָס קומט דאָ פאָר?

אסתר: דוד, דוד! ניין, ניין, איך קען נישט רעדן!...

דוד: טייערע אסתר, איך בעט דיר, האָב מיטלייד מיט מיר, זאָג מיר, וואָס דריקט דיין האַרץ? זאָג עס מיר, דיין מאַן! (וויל זי אַרומנעמען)

אסתר: באַריר מיך נישט, ווייל איך בין דיין באַרירונג נישט ווערט... דוד זאָג מיר, ליבסט מיר?

דוד: וואָס פאַר אַ פראַגע? ווייסטו דען נישט, אַז איך ליב דיר מער ווי מיין לעבן?

אסתר: וועסט מיר קענען אָבער פאַרגעבן, ווען דו וועסט וויסן, ווי זינדיק, איך בין געגן דיר?

דוד: זינדיק? וואָס מיינסטו?

אסתר: יאָ, איך האָב געזינדיקט, אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז עס איז נישט מיין שולד... דוד, היינט איז דער געבורטסטאָג פון אונזער קינד, האָסטו נישט באַמערקט, ווי די גאַנצע צייט, זייט דאָס קינד איז געבוירן, ווי יעדעס מאָל ווען דו פלעגסט עס באַרירן, ווען דו פלעגסט זיך דאַמיט גליקלעך פילן אַלס פאָטער, פלעג איך פון פאַרצווייפלונג און שרעק ציטערן?...

דוד: אַלזאָ, דאָס קינד איז...

אסתר: נישט דיינס!

דוד: אָ! (פויזע).

אסתר: דוד, האָב רחמנות אויף מיר, און דערלויב מיר דיר, אַלעס צו דערציילן, הער פריער אויס מיין ודוי ביז צו ענדע, און דאַן טו מיט מיר וואָס דו ווילסט: געדענקסטו, ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן מיט אונזער קינד סאַבינעלע אויף כרישער לופט, און איך בין געבליבן אינדערהיים ביי דער ווירטשאַפט, עס איז דאַן געווען אַ הייסע זומער-נאַכט און איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער שלאָפן, האָב איך נישט געקענט, ווייל מיינע געדאַנקען זענען געווען וועגן דיר און וועגן אונזער קינד. פּלוצלינג האָב איך דערהערט מענטשן-טריט לעבן מיר, און ווען איך האָב מיינע אויגן געעפנט, האָב איך דערזען, ווי עמיצער שטייט לעבן מיין בעט, און איידער איך האָב צייט געהאַט צו באַגרייפן מיין לאַגע און רופן צו הילף, האָט דער אויסוואורף מיך באַהערשט, און ווען איך האָב ערוואַכט, איז דער אויסוואורף פאַרשוואונדן. אָ, איך האָב דעמאָלס גאָט געבעטן, ער זאָל מיך פון דער וועלט צונעמען, שטאַרבן איז דעמאָלט געווען מיין איינציקער וואונטש, און שפעטער, ווען איך האָב דערפילט, אַז צייט יענע נאַכט דאַרף איך מוטער

װערן, האָב איך געװאָלט זעלבסט-מאָרד באַגײן, װער קען באַגרײפן, װאָס איך האָב דעמאָלט געליטן אין דער שטיל. װאו נעם איך װערטער, דיר אױסצודריקן מײנע ביטערע שמערצן!...

ד ו ד: אָ, איך בלינדער, װי איך האָב זיך געפרײט, װען מען האָט מיר אָפּגעגעבן מזל-טוב. מזל-טוב מיט אַ זון, און װי האָב איך מיך נאָך איצט, ערשט פאַר אַ מינוט געפרײט, װאָס הײנט איז זײן געבורטס-טאָג, װי אַזױ האָסטו געקענט אַזאַ זאַך פאַרשװײגן?! װי אַזױ האָט אין דיר דאָס בלוט נישט אױפגעקאָכט, װען דו האָסט מיך געזעען קושן דײן ממזר? איך װיל װיסן װער איז דער מאַן געװען?! פאַרװאָס ענטפערסטו נישט?!

א ס ת ר: װײל איך זע אין דײנע אױגן, צו װאָס דו ביזט אַנטשלאָסן.

ד ו ד; ענטפער מיר, װער איז ער?!

א ס ת ר: נײן, איך קען נישט! איך װײס צװאָס די אײפערזוכט קען דיך טרײבן... דו װעסט אַ מאָרד באַגײן, און דײן מאָרד װעסטו נישט קענען אַזױ פאַרטײדיקן װי דו האָסט דײן קליענט פאַרטײדיקט.

ד ו ד: אומגליקלעכע, פאַרװאָס האָסטו עס מיר אַנטדעקט? איך בין געװען בלינד, און האָב מיך געפילט גליקלעך אין מײן בלינדקײט, פאַרװאָס האָסטו מיר געמאַכט זעענדיק? קענען מיר נאָך װײטער לעבן נאָך אַזאַ ודוי? יעדער אױגנבליק װעט מיר דערמאַנען אין דײן שאַנדע... װי אַזױ װעל איך דיר קענען באַרין? רעד! װער איז אונזער מלאך-המות געװען? רעד, בלײבן דײנע ליפּן נאָך אַלץ פאַרשלאָסן, דאַן נעם דיר דײן ממזר און גײ! גײ! (װאַרפט זי צו דער ערד, האָט באַלד חרטה) נײן, נײן, איך קען נישט, איך װײס נישט װאָס איך טו, איך בין משוגע, איך בין משוגע! (װײנט).

פ אָ ר ה אַ נ ג

צװײטער אַקט.

דאָסזעלבע צימער, װי אין ערשטן. װען דער פאָרהאַנג גײט אױף שלמקע אױף דער בינע.

ש ל מ ק ע (חזנט): דאָס איז די באַסן-שטימע, און דאָס איז די טענאָרן-שטימע, און דאָס איז פאַר דעם טאפּראַן, און דאָס איז פאַרן אַלט, אַהאַ, און דאָס איז פאַר מיר אַלײן (זינגט רבונו-של-עולם).

אױפטריט ריקעל.

ר י ק ע ל (מיטן בעזים אין האַנט): דו װעסט מיך הײנט לאָזן אױסקערן צי נײן? װאָס ביזטו מיר כסדר אין װעג?

ש ל מ ק ע: אײ ריקעל, אָט איז יום-טוב, און איך האָב נאָך נישט אײנגעחזרט דעם נײעם רבונו-של-עולם, װאָס דודל האָט מיר געמאַכט.

ר י ק ע ל: גײ אַהײם צו אונז חזרן!

ש ל מ ק ע: װי זשע האָב איך אַצינד אַ הײם? צײט אונזער דודל איז געבליבן אַלײן, אָן אַ װײב, האָסטו דאָך דאָ איבערגענומען די גאַנצע מלוכה, דו ביזט דאָך טאָג און נאַכט נאָר דאָ.

ר י ק ע ל: מיר זאָל זײן פאַר זײנע בײנדעלעך. װער דען זאָל אַצינד אױף אים אַכטונג געבן, װען נישט זײן מאַמע?

ש ל מ ק ע: אױ ריקעל! (זינגט).

ר י ק ע ל: װי איך זע, טוט דיר באַנק נאָך דער פאַרלױרענער מציאה, אַ שײנע רײנע כפּרה!

ש ל מ ק ע: אױ ריקעל, פאַרװאָס שעלטסטו זי? זי איז נאָך װײניק אומגליקלעך? פאַרטריבן געװען פון איר הײם.

ר י ק ע ל: װאָס דען האָט דודל געזאָלט טון מיט איר? אפשר נאָך װײטער לעבן מיט איר?

שלמקע: ריקעל, איך האָב עס געזאָגט, און איך זאָג עס, און וועל עס האַלטן אין איין זאָגן.

ריקעל: אַז וואָס?

שלמקע: אַז זי איז נעבעך אומשולדיק!

ריקעל: אומשולדיק, כאַ, כאַ, כאַ, אומשולדיק!

שלמקע: וואָס דען איז זי?

ריקעל: וואָס זי איז? איך וויל עס גאָרנישט אַרויסרעדן מיט מיין מויל, אין אַ יידישער שטוב...

שלמקע: ביזטו זי חלילה חושד?

ריקעל: יאָ, די חציפה האָט זיך אָנטקעגן איר מאַן פאַרזינדיקט מיט איר אייגענעם ווילן, כלומרשט האָט זי זיך מתודה געוועזן, ווייל זי האָט שוין אַצינד חרטה, אָבער די בעל-עברהניצע האָט נאָך דעם גאַנצן אמת נישט דערציילט?

שלמקע: ריקעל החושד בכשירים לוקה בג'פו — וואָס הייסט? דו ביזט זי חושד אָן אַ פאַרוואָס.

ריקעל: אונזער דודל איז אַ געלערנטער, אַ קלוגער, און ער איז זי אויך חושד.

שלמקע: אונזער דודל איז פאַר יסורים נעבעך ווי משוגע, צייט יענעם טאָג, גייט ער אַרום אַזיווי צעמישט, ער ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

ריקעל: הלואי וואָלט ער געפאָלגט זיין מאַמען, פטור ווערן פון איר, אָט דאָס איז די עצה פון זיין מאַמען.

שלמקע: אַזאַ יאָר אויף זיין מאַמען, מיט איר עצה צוזאַמען.

ריקעל: אַזעלכע קומט אַ גט אָן אַ כתובה.

שלמקע: פאַרוואָס נעבעך? אפשר איז זי פאָרט נאָר געווען אַן אומגליקלעכער קרבן?

ריקעל: כאַ, כאַ, כאַ! אַן אומגליקלעכער קרבן, האָט איר דען אָפגענומען דאָס לשון? פאַרוואָס האָט זי נישט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מען זאָל זיך צוזאַמענלויפן פון דער גאַנצער וועלט? איך ווייס...

שלמקע: האָט דען יעדער אַזאַ פּסק ווי דו?

ריקעל: און פאַרוואָס האָט זי עס נישט דערציילט באַלד איר מאַן, נישט ערשט שפּעטער מיט 2 יאָר?

שלמקע: האָסט דאָך געהערט, זי האָט נעבעך נישט געהאַט דאָס האַרץ.

ריקעל: זי האָט נעבעך נישט געהאַט דאָס האַרץ, דאָס איז אַ תירוץ פאַר די בענטש-ליכט. פשוט, איר מאַן האָט זיך דעמאָלט

צו לאַנג געזוימט אויף דער רייזע, זי איז געבליבן אַליין, יונג און שיין איז זי...

שלמקע: אָבער אַזאַ רבניש קינד ווי אסתרל!

ריקעל: זאָל זיך נישט טרעפן, וואָס עס טרעפט זיך...

שלמקע: און ווען די גאַנצע וועלט זאָל חושד זיין, וועל איך פאָרט נישט אויפהערן צו שרייען, אַז זי איז אומשולדיק! אַזאַ כשרע אסתרל! זי זאָל זיך חלילה פאַרזינדיקן מיטן אייגענעם ווילן, נישט מעגלעך! גיכער וועל איך גלייבן אַז...

ריקעל: אַז וואָס?

שלמקע: אַז דו ריקעל האָסט דיך פאַרזינדיקט קעגן דיין שלמקען.

ריקעל: כאַ, כאַ, כאַ, צו מיינע צרות, נאָך דאָס פעלט מיר!

שלמקע: אַיאָ, דו לאַכסט? עס איז נישט מעגליך? ווארום באמת טאַקע, וועלכער משוגענער וואָלט געווען אויף דיר אַ בעלן?

ריקעל: אַ שוואַרצער חלום זאָל מיר אויסגיין צו דיין קאָפּ.

שלמקע: אַ שוואַרצער חלום צו דיין קאָפּ היינט, אַ שוואַרצער חלום צו דיין קאָפּ מאָרגן, ס'איז דאָך אָבער פאָרט אמת!

ריקעל: הכלל, געבוג גערעדט (רוימט, עפנט דעם אַלבאָם) זע נאָר, און דעם האָב איך גאָר פאַרגעסן, איר גרויס בילד האָב איך שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן און אין דעם קליינעם, האָב איך שיעור פאַרגעסן! (צערייסט אסתרס בילדל).

שלמקע: דאָס איז דאָך אסתרלס בילד! וואָס טוסטו?

ריקעל: דאָסזעלבע וואָס איך האָב געטון מיט איר גרויס בילד, קיין זכר פון איר זאָל דאָ נישט בלייבן.

שלמקע: הערסטו ריקעל, אויב עמיצער איז דאָ יאָ אַ זינדיקער, איז דאָס נישט אסתרל נאָר דו ריקעל!

ריקעל: וואָס?! וואָס?!

שלמקע: ווייל צייט דאָס פאַרפאַלק האָט זיך צעשיידט, האָט זיך דיר נאָך נישט צוגעמאַכט דיין פּיסקאַטש!

ריקעל: וואָס?

שלמקע: אונזער דודל, גייט נעבעך אַרום אויף דער עולם-התהו אַזיווי משוגע, און יעדעס מאָל, ווען איך וויל מיט אים רעדן, און אים באַרואיקן, טוט עס דיר אַ טראָג אָן, און עס האַלט פון דיר אין איין אַרויס-בוטשען, די מינוט איז דיר שוקן צו לאַנג, דו וואָלסט זייביידע שוין געוואָלט זען געגט, יאָ, ריקעל דו ביזט אסתרלען תמיד געווען אַ שונא-חנם. דו האָסט קיינמאָל נישט געקענט לעבן מיט איר אין שלום, ווייל זי איז אַן אשת חיל און דו ביזט אַן אשה-רעה, ווייל זי איז אַ צדקת, און דו ביזט אַ

פרשעת, ווייל זי איז אַ מלאך, און דו ביזט אַ רוח, אַ שד! אַצינד פיל אך זיך גרינגער, ווייל איך האָב מיר אַ ביסל אָפּגערעדט פונם האַרצן.

ר י ק ע ל (כאַפּט אַ בעזים): וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט, און יענע נאַכט, און אַ גאַנץ גייענדיג יאָר, זאָל מיר אויסגיין צו דיין קאָפּ, און צו דיינע הענט־און־פיס (שלאָגט אים)

אויפטריט יונה.

י ו נ ה: (קריגט אויך געשלאָגן מיטן בעזים): וואָס איז דאָס? חזנטע, חזן?! (די פּערלירט דעם פּאַרטוך, לויפט אַרויס. זיי ביגן זיך ביידע אַראָפּ איינער אַנטקעגן אַנדערן.)

י ו נ ה: וואָס איז דאָ געװען חזן?

ש ל מ ק ע: מיין ריקעל, פאַרשטייט איר מיך, האָט געהאַלטן אין מיטן קערן, און אַזוי ווי אויף דער עלטער טוט איר וויי די אויגן, האָט זי מיר נישט דערזען, און האָט מיר אויך געוואָלט אויסקערן. זיצט ר׳ יונה, וואָס איז עפּעס נייעס ר׳ יונה?

י ו נ ה (זעצט זיך): אוי, איך האָב שוין קיין פיס נישט לויפנדיק, פון איינצם צום אַנדערן, איך בין דאָך עפּעס אויף מיין שלים־מזל אַ שמש. מען שיקט מיר און איך גיי.

ש ל מ ק ע: ווער האָט אייך געשיקט? און צו וועמען זענט איר געלאָפן?

י ו נ ה: געשיקט האָט מיר אייער זונדעלע, זאָל לעבן.

אויפטריט ריקעל.

ר י ק ע ל: ווער האָט אייך געשיקט, מיין דודל זאָל לעבן? נאָך וועמען?

י ו נ ה: נאָך וועמען נישט? נאָך דעם סופר, נאָך מחותנים, נאָך זיין פּלוניתטע, און נאָך און נאָך, הכלל זיי וועלן באַלד אַלע זיין ביים רב.

ש ל מ ק ע: ביים רב? וועגן וואָס?

י ו נ ה: וועגן גט!

ש ל מ ק ע: וואָס פאַר אַ גט?

י ו נ ה: צווישן אייער זון מיט זיין פּלוניתטע. וואָס זשע, איר ווייסט גאָר נישט?

ש ל מ ק ע: האָט ער עס גאָר געהאַלטן בסוד פאַר מיר?

ר י ק ע ל: פּדי דו זאָלסט אים נישט דרייען דעם קאָפּ בחנם. אַן עק זאָל עס נעמען, אַז מען קען נישט לעבן צוזאַמען, גט מען זיך און פּטור. זאָגט מיר

בעסער ר׳ יונה, ווי איך ווייס, האָט איר שוין אויסגעפּירט אַ סך שידוכים. ווייסט איר אפשר פון אַ גוטן שידוך פאַר מיין דודלען?

ש ל מ ק ע: רבש״ע, דער מת ליגט נאָך פאַר די אויגן און זי רעדט שוין פון אַ שידוך.

ר י ק ע ל: ווער פרעגט דיך? דו לעמישקע!

ש ל מ ק ע: דודל און אסתרל גטן זיך און שלמקע מיט ריקלען בלייבן ווייטער אַ פּאָר. אוי, רבש״ע, וואָלט דען נישט גלייכער געווען פאַרקערט?

ר י ק ע ל: וואָס זאָגט איר, ר׳ יונה, זי קומט אַהער?

י ו נ ה: יאָ, אַזוי האָט זי מיר געזאָגט.

ר י ק ע ל: ווער, די חצופה קומט אַהער? דאָס איז שיין! ווייניק צרות האָט זי אָנגעמאַכט, ווייניק האָט זי צעבראָכן דודלס לעבן, ער גייט אַרום ווי אַ טויטער, האָט זי נאָך די העזה אַהער צו קומען, פון שטוב וועל איך זי אַרויסוואַרפן, די שוועל זאָל זי נישט וואַגן צו באַטרעטן!

ש ל מ ק ע: אוי ריקעל, זאָלסט געזונט זיין, נאָך וואָס דאַרפסטו ליאַרמען, שרייען, ריידן, איידער דו הערסט, וואָס מען וויל דיר זאָגן. דו מיינסט, גטן זיך, איז עפּעס אַ קלייניקייט? ווען אַ פּאָר פאָלק גטן זיך, וויינען אַלע מלאכים אין הימל, די שכינה אַליין גיסט מיט טרערן. שטעל דיר פאָר ריקעל, ווען מיר ביידע זאָלן זיך דאַרפן גטן. די שעה זאָל נישט זיין, און דו קומסט מיר בעטן, אַז דו ווילסט מיט מיר ריידן, איידער מיר גטן זיך און איך טרייב דיר פון מיר ווי אַ הונט, אָט למשל, ווי דו ווילסט אַצינד טון מיט אסתרלען, וואָלט דיר עפּעס געשמעקט?

ר י ק ע ל: נו, ר׳ יונה? וואָס זאָגט איר צו אים? איר הערט טענות פון אַ מאַן? גיי האַלט דיך איין און צעררייס נישט אַזאַ בריאה אויף שטיק שטיקער.

י ו נ ה: האָט מיר קיין פאַריבל נישט, וואָס איך וועל אייך פרעגן, וואָס האָט דאָ אַזוינס פּאַסירט, וואָס עס איז אַזוי ווייט געקומען? נישט נאָר איך, נאָר יעדער וואונדערט זיך, מילא עס מאַכט זיך אַמאָל מחלוקת צווישן מאַן און ווייב, אלמאי האָט מיר קיין פאַראיבל נישט, איז צווישן אייך אויך אַמאָל אַ שטיקל מחלוקת.

ש ל מ ק ע: אַ שטיקל זאָגט ער...

י ו נ ה: אונדעסטוועגן לעבט איר ווייטער צוזאַמען, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

ש ל מ ק ע: (זיפצט) אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן...

י ו נ ה: עס איז דאָך ערשט אַ יאָר צוויי, זייט עס איז דאָ געווען אַזאַ פריילעכער ברית, איך געדענק עס נאָך היינט, ווי אייער דודל האָט געטאַנצט און געשפּרונגען פאַר שמחה, עפּעס אַ קלייניקייט מען באַקומט אַ

יורש, אַ קדיש און היינט אויס, נישטאָ קיין קינד, נישטאָ קיין מאַן און ווייב און גיי פאַרעטיי דאָס, אפשר ווען דאָס קינד זאָל געווען לעבן...

ריקעל: כאַ, כאַ, כאַ! אַ יורש, אַ קדש, אין קיין שום יידישער שבוב נישט געזאָגט געוואָרן אַזאַ קדש, זיין ליבער נאָמען האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס ער האָט געטון, וואָס ער האָט אים צוגענומען פון דער וועלט. קום בעסער צום רב קום שלמקע (אָפּ לינקס).

יונה: איר גייט נישט, ר' שלמקע?

שלמקע (כליפּעט): אויף אַזאַ שמחה וויל איך נישט זיין קיין מחותן.

יונה: אז ס'איז אייך נישט ניחה, פאַרוואָס־זשע האָט איר עס דערלאָזט?

שלמקע: פרעגט מיין ריקלען.

יונה: ריקלען זאָל איך פרעגן, אויב אַזוי, האָט אויף מיר קיין פאַריבל נישט, זענט איר דאָך טאַקע אַ לעמישקע...

שלמקע: ער האָט זיך ערשט דערמאָנט.

יונה: אָט בין איך היינט אָנגעקומען אויף דעם, און געזען, ווי זי קערט מיט אייך אויס די שטוב.

שלמקע: אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

יונה: ניין, ר' שלמקע, גאָט האָט אַנדערש געבאָטן, גאָט האָט געזאָגט: והוא ימשל בה, דער מאַן זאָל זיין משל איבער דעם ווייב. פאַר־וואָס־זשע טוט איר נישט, ווי אין פסוק שטייט?

שלמקע: פרעגט־זשע מיין ריקלען, צי זי לאָזט מיר אַמאָל צו צום פסוק.

יונה: ר' שלמקע, וואָס זענט איר?

שלמקע: וואָס הייסט, וואָס איך בין? אַ חזן!

יונה: ניין, אַ שמאַטע! האָט אויף מיר קיין פאַריבל נישט, אַזוי צו ליגן ביים ווייב אונטער דעם פאַנטאָפל. אַ מאַן דאַרף מען זיין. אַ מאַן זאָל מען זיין, שעמט אייך!

שלמקע: ער האָט דען נישט רעכט?

ד ו ע ט.

שלמקע: איך בעט דיר יונה גיב אַן עצה,
ווי האַלט מען אויס פון ריקלען גאָר?

יונה: גיט איר אַ פּאָר מאָל אין דער פּלייצע,
און שיקט זי צום שוואַרצן יאָר.

שלמקע: ווי קען איך זיך מיט איר אָנהייבן
זי צערייסט דאָך מיר אויף שטיקער גאַלד.

יונה: פּרואווט איר אַ פּאָר שטעקנס געבן
ווערט זי בעסער, זייט נישט קיין יאָלד,
איך וואָלט איר געוואונטשן, אַריינצופאַלן צו מיר,
מאַך איך גאַלד פון איר אַ סקעלעט.

שלמקע: ברידער יונה הער, איך פאַרצייל פאַר דיר און שווער,
זי רייסט פון מיר שטיקער! אפילו אין בעט.

יונה: ווילט איר נישט קיין צרות?

שלמקע: וואָס דען, איך וויל?

יונה: שלאָגט מיט איר כפּרות!

שלמקע: שאַ, זאָל זיין שטיל.

יונה: פאַר אַ ווייב צו האָבן מורא איז זייער שלעכט.

שלמקע: אמת טאַקע ברודער, דו האָסט רעכט.

רעפריין: אָ יעדער מאַן דאַרף האָבן קראַפט,
אַ ווייב מוז פאָלגן, וואָס ער שאַפט,
לערנען דאַרף מען מיט איר בלק, אַ מאַן
דאַרף מען זיין
ווייל אויב ער איז גוט צו איר עטוואָס,
וויל זי אים פירן ביי דער נאָז.
דאָס איז נאָר דער בעסטער פּלאַן,
דרך־ארץ לערנען, אַ מאַן זאָל מען זיין.

יונה: איך וואָלט געדאַרפט אַזאַ ווייב האָבן,
מאַך איך איר באַלד אַ שוואַרצן סוף.

שלמקע: איי, וואָלט זי דיר אין דר'ערד באַגראָבן,
קיין תחית־המתים שטייסטו שוין נישט אויף.

יונה: געווען וואָלט איר, אַז אָך און וויי,
ווען זי זאָל שעלטן, שלאָגן מיר.

שלמקע: זי גיט אויף דיר נאָר אַ געשריי,
ווי אַ לולב ציטערסטו פאַר איר.

י ו נ ה: ווען איך זאָל זיין איר מאַן,
האָב איך שוין אַ פּלאַן.
איך טרייב זי אַרויס, און שלאָג זי נאָך דערצו.

ש ל מ ק ע: פּרואוו אַ קורצע צייט,
מאַך מיט מיר אַ צייט,
דיין ווייב גיב מיר, און מיין ריקלען נעם דיר.

י ו נ ה: די קינדער מוזט איר האַלטן.

ש ל מ ק ע: אַפילו זיי וויקלען.

י ו נ ה: איך וואָלט איר דעם קאָפּ צעשניטן.

ש ל מ ק ע: נישט ביי ריקלען.

י ו נ ה: פאָלגט-זשע מיר, און קומט נישט אַהיים אַ פּאָר נעכט.

ש ל מ ק ע: אפשר טאַקע האָסטו רעכט. (רעטריין :).

(אָפּ רעכטס).

(מען הערט אַ טרובעל פון אַן אויטאָמאָביל).

אויפטריט שלמקע.

ש ל מ ק ע: ווער קען דאָס קומען אַהער צוגאַסט, אין אַ וואָגן אָן פערד?

ס אַ ב י נ ע (פון דרויסן): איך בין נישט קיין פרעמדע, איך בין דאָ גאַנץ היימיש.

ש ל מ ק ע: וועמענס קולכל איז דאָס, ווער איז דאָרט?

אויפטריט סאַבינע.

ש ל מ ק ע: וומען זע איך?

ס אַ ב י נ ע: כאַ, כאַ, כאַ, דערקענט מיר דען מיין זיידעניו נישט מער? בין איך דען אין די צוויי יאָר, וואָס איך בין נישט געווען אינדערהיים, אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז דו גוטער זיידעניו האָסט מיר שיעור נישט דערקענט? וואו איז פּאַפּאַ? וואו איז מאַמאַ?

ש ל מ ק ע: סאַבינע, לויט דיין בריוו, האָסטו דאָך געזאָלט קומען איבערמאָרגן.

ס אַ ב י נ ע: כאַ, כאַ, כאַ, דאָס האָב איך בכיון אַזוי געשריבן! כדי מען זאָל מיר נישט אָפּוואַרטן.

ש ל מ ק ע (אין אַ זייט): אוי, אַ בראָך צו ריקלען!

ס אַ ב י נ ע: צום גליק, זענען זיי ביידע נישטאָ אינדערהיים, בעסער אַזוי, אַנשטאָט זיי זאָלן מיר אויפנעמען, וועל איך זיי אויפנעמען. ווייסטו וואָס איך וועל דיר בעטן זיידעניו? ביז איך וועל פאַרטיג ווערן, גיב אַלע מאָל אַקוק אַרויס צו זיי קומען, זאָלסט זיי גאָרנישט זאָגן, און אַז זיי וועלן אַריינקומען און מיר דערזען, כאַ, כאַ, כאַ, וועט דאָס זיין פאַר זיי אַ זעלטענע איבעראַשונג!

ש ל מ ק ע: (ווישט די אויגן)

ס אַ ב י נ ע: זיידעניו די וויינסט גאָר?

ש ל מ ק ע: ניין. כאַ, כאַ, כאַ, ניין, ס'איז מיר עפּעס אַריינגעפלויגן אין אויג אַריין...

ס אַ ב י נ ע: אַך, ווי געבענקט האָב איך שוין נאָך דיר, מיין זיסע היים! אָט דאָ, ווי מיין וויגעלע איז געשטאַנען, דאָ, ווי איך האָב מיינע קינדער-יאָרן גליקלעך פאַרבראַכט צוזאַמען מיט מיין טייערן ליבן פּאַפּאַ, און מיט מיין זיסער גוטער מאַמאַ. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין פּענסיאָנאַט, האָב איך נאָר געדיינקט פון אייך אַלע, פון מיין טייערן פּאַפּאַ און זיסע מאַמאַ! זיי פילן זיך ביידע גוט, נישט אמת זיידעניו? אוי, ווי די מינוט איז מיר שוין צו לאַנג, ביז זיי וועלן אַהיים קומען (באַטראַכט דעם אַלבאָם) דאָס ביסטו, מיין טייערער פּאַפּאַ! און דער מאַמעס בילד? פאַרוואָס זע איך נישט דער מאַמאַס בילד? וואו איז די מאַמעס בילד?

ש ל מ ק ע: אוי, ריקעל!.. וואָס-זשע האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן קינדעניו? מסתמא האָט עס די מאַמע עמיצן אַוועקגעשענקט.

ס אַ ב י נ ע: זיידעניו, עפּעס זעסטו אויס ווי צעמישט!

ש ל מ ק ע (ווישט די אויגן): פון דער איבעראַשונג...

ס אַ ב י נ ע: וועלן זיי זיך לאַנג זוימען? זיידעניו, וואו זענען איצט מיין פּאַפּאַ און מאַמאַ?

ש ל מ ק ע: וואו זיי זענען אַצינד? ווייס איך וואו זיי זענען? (ווישט די אויגן).

ס אַ ב י נ ע: זיידעניו, וואו איז די מאַמעס בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט?

ש ל מ ק ע (אין אַ זייט): אַז געהאַנגען זאָל ריקעל ווערן!.. פאַרשטייסטו דאָס גלאָז איז צעבראָכן געוואָרן, מסתמא האָט מען עס געגעבן צו פאַריכטן צו אַ גלעזער.. צו אַ סטאָלער מיין איך...

אויפטריט דוד

ש ל מ ק ע: דוד, זע נאָר ווער עס איז דאָ! (אין אַ זייט) אוי ריקעל! (אָב)

דוד: איך האָב דיר ווידער, מיין זיס טעכטערל, אָך, ווען דו זאָ״סט וויסן ווי טייער מיר איז דיין מתּנה. די צוויי טעג, וואָס דו האָסט מיר געשענקט, איך האָב דיר ערשט איבערמאָרגן דערוואַרט, (קושט זי) ווי דאַנק איך דיר, פאַר יעדער מינוט, פאַר יעדן אויגנבליק!

סאַבינע: דו ווייסט פאַפאַ, מיר פאַרדרוסט שוין, וואָס איך האָב נישט געשריבן דעם אמת, אַז איך קום היינט! ווען מאַמאַ וואָלט געוואוסט, אַז איך קום, וואָלט זי דאָך נישט אַוועק פון דערהיים! און יעצט, ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל דאַרפן וואַרטן, ביז זי וועט קומען. פאַפאַ, דו ווייסט וואוהין זי איז געגאַנגען?

דוד: טעכטערל, פאַרוואָס דערציילסטו מיר נישט, ווי די רייזע איז דיר געגאַנגען.

סאַבינע: זייער גוט פאַפאַ!

דוד: דאָס פרייד מיר זייער.

סאַבינע: פאַפאַ, אפשר ווייסטו וואו די מאַמא איז, וועל איך לויפן צו איר. זי ווייסט דאָך נישט, אַז איך בין דאָ. אוי, וועט זי זיך פרייען, אַז זי וועט מיר דערזען! זאָל איך גיין, פאַפאַ?

דוד: ניין, וואַרט אויס סאַבינעלע, קום אַהער צו מיר מיין קינד. (ווישט די אויגן).

סאַבינע: וואָס איז דיר פאַפאַ, פאַרוואָס וויינסטו? האָט עפּעס פּאַסירט מיט דיר, אָדער מיט דער מאַמאַ?

דוד: סאַבינעלע, נעם צוזאַמען דיין גאַנצע קראַפט!

סאַבינע: איך פאַרשטיי דיך נישט?! ווען איך בין ווידער אין מיין גליקלעכער היים? ווידער צוזאַמען מיט מיינע געליבטע עלטערן? פאַפאַ, דעם אמת, איז עפּעס געשען? שנעל זאָג מיר, לעבט מיין מאַמע? אָדער זי איז בעהיטע גאָט קראַנק?

דוד: ניין, ניין...

סאַבינע: פאַרוואָס־זשע טוסטו יעדעס מאָל אַ ציטער, ווען איך דערמאָן דאָס וואָרט מאַמאַ?

דוד: ווייל... ווייל... עס איז עטוואָס פאָרגעפאַלן צווישן אונז ביידע, און מיר זענען געוואָרן — געשייד...

סאַבינע: דו און מאַמאַ — געשייד? דאָס איז דאָך אוממעגלעך! צייט איך בין צו מיין פאַרשטאַנד געקומען, געדענק איך, אַז איר זענט שטענדיק געווען איין הערץ, איין נשמה, כאַ, כאַ, כאַ, פאַפאַ, מאַך דיר מיט מיר נישט קיין שפּאַס! פאַפאַ מאַכט שפּאַס, נישט אמת פאַפאַ? זאָג מיר דעם אמת, דעם ריכטיקן אמת!

דוד: יאָ, עס איז דער טרויעריקער אמת מיין קינד, מיר וואוינען נישט מער צוזאַמען...

סאַבינע: נישט מער צוזאַמען? אַזוי ווייט איז עס געקומען? אוי, ווען איך וואָלט דאָ געווען, וואָלט עס נישט געקומען דערצו. פאַפאַ, וואָס איז דען געשען?

דוד: סאַבינעלע, דו מוזט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דעם גאַנצן טרויעריקן אמת וויסן... סאַבינעלע, דיינע עלטערן האָבן זיך געמוזט גטן.

סאַבינע: גטן?! איך וויל דיר נישט פרעגן, פאַרוואָס עס איז געשען, און איך וויל עס אויך נישט וויסן. איך ווייס נאָר, אַז איך בין איצט ווי צעריסן אויף צווייען, וואָס וועט איצט ווערן פון מיר?

דוד: מיט מיר וועסטו בלייבן סאַבינעלע, דיין מאַמאַ האָט אַלע רעכטן איבער דיר פאַרלוירן! איך וועל דיר אַלץ דערציילן, אַלץ!

סאַבינע: פאַפאַ, ווייסטו, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך הער יעצט קומט מיר פאָר ווי אַ חלום, וועלכן איך קען קוים באַגרייפן? מיין מאַמאַ האָט פאַרלוירן דאָס רעכט אויף מיר?... מיין מאַמאַ?! אָ, ניין, ניין, מיין מאַמאַ איז אין איר קינדס אויגן, ווי אַ ריינער מלאך, און דאָרט וואו מיין מאַמאַ איז, וועט אויך זיין איר קינד! (טוט זיך אָן).

דוד: טאָכטער, סאַבינעלע, וואָס ווילסטו טון?

סאַבינע: צו מיין מאַמאַ וויל איך גיין! מיט מיין מאַמאַ וויל איך בלייבן! מיט מיין מאַמאַ, וועלכע דו האָסט פאַרטריבן פון דער היים (גייט).

דוד (פאַרשטעלט איר דעם וועג): ניין, טו עס נישט, סאַבינעלע, פאַרלאָז נישט דיין אומגליקלעכן פאַפאַ, זע דיין פאַפאַ קניעט פאַר דיר! און איך וועל אַזוי לאַנג בלייבן אויף מיינע קני פאַר דיר, ביז דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מיר נישט פאַרלאָזן. קינד מיינס, דו ביזט דאָך איצט מיין איינציקע האָפנונג! די איינציקע טרייסט פון מיין צעבראָכן לעבן, פאַרלאָז מיר נישט! פאַרלאָז מיר נישט!

סאַבינע: ניין, ניין פאַפאַ, איך קען נישט, איך וויל צו מיין מאַמאַ, איך וועל נישט קענען לעבן אָן מיין מאַמאַ. איך גיי צו מיין מאַמאַ (גייט ביז דער טיר, קערט זיך אום, פאַלט היסטעריש אויף דודס ברוסט).

דוד: קום אַהער צו מיר מיין קינד, און איך וועל דיר וויגן אויף מיין שויס, וויגן דיר אַזוי, ווי ווען דו ביזט נאָך געווען אַ קליין קינד און דיין פאַפאַ פלעגט דיר אַרומטראָגן טאַנצנדיק און זינגענדיק, געדענקסטו נאָך דאָס לידעלע, וואָס דו פלעגסט זינגען? און אויך שפּעטער, ווען דו ביזט שוין עלטער געוואָרן, פלעגסטו עס אויך ליב האָבן צו זינגען. געדענקסטו עס נאָך סאַבינעלע? עס פלעגט דאָך שטענדיק זיין דיין ליבלונגס־לידעלע.

ז י נג ט

שלאָף איין מיין קינד,
די אייגלעך מאַך צו,
און גוטע חלומות האָב דיר.
שלאָף איין געזונט,
און האָב דיר דיין רו.
זאָלסט אויך זיין מונטער ווי פריער,
דיר זאָל זיך חלומען מלאכימלעך,
און ווייזן דיר גוטע דרכימלעך.
זאָלסט תמיד פאָלגן דיין טאַטן, דיין מאַמעניו,
אַזוי הייסט גאָטעניו,
דערווייל מיין קינדעניו,
שלאָף איין, און הער נישט מיד.
שלאָף מיין קינד, שלאָף.
ליו-ליו-ליו-ליו, שלאָף איין, מיין פייגעלע,
ליו-ליו-ליו-ליו, מאַך צו דיין אייגעלע.
ווען דאָס קינד איז קליין,
איז מען איין מינוט נישט פריי,
עס גיט נאָר אַ וויין,
אַזוי שטייט מען שוין דערביי.
אַ קרעכצעלע, אַ הוסט,
ווערט דאָס לעבן וויסט,
מען טרעט נישט אָפּ פון וויגעלע, מען ציטערט,
ליו-ליו-ליו-ליו, ווערט דאָס הארץ שוין פארביטערט,
אוי די פּאָקעלעך, אוי די מוזעלעך,
ציינדעלעך געשוואונד,
שלאָף שוין איין מיין קינד.

פ אָ ר ה א נ ג

דריטער אקט.

צימער ביי יחזקאלען. ער זאָגט: גאָט פון אברהם.

יחזקאל: אסתרל! אסתרל!

אויפטריט אסתרל.

אסתר: אַ גוטע וואָך, דיר טאַטעניו!

יחזקאל: אַ גוטע וואָך דיר, טעכטערל! דו הערסט, אסתרל, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מיר פאַרדריסט שוין, וואָס מען האָט דאָס קינד, אין גאַנצן אַהער געבראַכט. ווער ווייסט וואָס עס קען דערפון ווערן? ער וועט דען שווייגן? ער וועט דאָך נאָך חלילה מאכן דערפון אַ פּראָצעס. הילסטו עס זאָל ווערן אַ סקאַנדאַל, אַ לייטישער געלעכטער? פאָלג מיר מיין קינד. שיק אָפּ דאָס קינד צום פאָטער, האָסט עס געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, גענוג! טאָכטער מיינע, פאָלג דיין טאַטן, דו קענסט דאָס קינד לענגער נישט האַלטן ביי דיר, דו מוזט עס באַלד צוריק שיקן צום פאָטער.

אסתר: אוי טאַטעניו, וואָס רעדסטו? ווי קען איך מיר אַזוי שנעל שיידן מיט מיין קינד? נאָכדעם, ווי איך האָב זי צוויי יאָר נישט געזען.

יחזקאל: דו מוזט אָבער, טאָכטער, דו מוזט!

אסתר: טאַטעניו, אויב איך שיק יעצט סאַבינעלען צו איר פאָטער, וועל איך זי שוין מער נישט זען. דוד פאָרט מיט איר ערגיץ אַוועק, ער ווייסט אַליין נישט וואוהין, און זיי וועלן מער קיינמאָל נישט צוריק קומען.

יחזקאל: נישט געזאָרגט מיין קינד! גאָט ב״ה וועט דיר נישט פאַרלאָזן. דער ווייל, אָבער, טאָר מען נישט דערלאָזן צו אַ סקאַנדאַל. פאַרגעס נישט, אַז דער דאָקטער, האָט דיר געשריבן, אַז ער וועט דאָ היינט

זיין בײַ דיר. ווער ווייסט, אפשר האָט ער טאַקי חרטה אויף אַלעמען, אַזוי ווי ער שרייבט, און וויל איצט תשובה טון. אפשר וויל ער אַליין אַלץ מודה זיין.

א ס ת ר: אוי טאַטע, איך גלייב אים נישט. ער איז אַן אויסוואורף, ער איז גאָרנישט סטאַיק צו טאָן אַ גוטע זאַך.

י ח ז ק א ל: אפשר וועסטו קענען פועלן בײַ אים, ער זאָל זיך מודה זיין, ווי די זאַך איז. דערווייל זאָל זיין שטיל, אָן פּראָצעסן, אָן סקאַנדאַלן. און וואָס שפּעטער וועט געשען, וועלן מיר זען. נו, פאָלג־זשע מיר אסתרל, און ברענג אַריין סאַבינעלען, געזעגן זיך מיט איר, און זאָל זי צוריק גיין צום פאָטער, נו, גיי, גיי.

א ס ת ר (רופט וויינענדיק) סאַבינעלע! קום אַריין, סאַבינעלע!

אויפטריט סאַבינע.

ס אַ ב י נ ע: אַ גוטע וואָך, זיידעניו!

י ח ז ק א ל: אַ גוטע וואָך, קינד מיינס! נו, ווי פילסטו זיך דאָ, האָסטו שוין אַלץ דערציילט דיין מאַמען, האַ?

ס אַ ב י נ ע: יאָ זיידעניו, איך האָב אַזויפיל מיין מאַמעניו צו דערציילן, מיר האָבן אַזויפיל צו רעדן, איך גלויב, אַז עס וועט דויערן גאַנצע יאָרן, ביז מיר וועלן האָבן אַלץ אויסדערציילט.

י ח ז ק א ל: סאַבינעלע, אַצינד וועסטו זיך אָנטון און צוריקגיין צו דיין טאַטן.

ס אַ ב י נ ע: וואָס, זיידעניו? איר ווילט מיר דאָ מער נישט האָבן? מאַמעניו, דו הערסט, דער זיידעניו וויל דאָ מיר מער נישט האָבן (וויינט).

י ח ז ק א ל: וואָס רעדסטו, קינדעלע, איך וויל דיר דאָ נישט האָבן? צו וואָס איז דען מיין גאַנץ לעבן, ווען נישט צוליב מיינע קינדערלעך? אָבער וואָס קען איך טון קינד מיינס, אַז איך בין געשטראָפט פון גאָט, און קען נישט זען מיין קינד גליקלעך. גלייב מיר קינדעלע, דו ביזט מיר פונקט אַזוי ליב און טייער, ווי מיין אויג אין קאָפּ.

ס אַ ב י נ ע: נו, אויב אַזוי, זיידעניו, בעט איך אייך, לאָזט מיר נאָך דאָ בלייבן, לאָזט מיר נאָך געניסן אייניקע גליקלעכע מאָמענטן מיט מיין מאַמעניו.

י ח ז ק א ל: גלויב מיר, קינד מיינס, אַז עס צעברעכט מיר מיין האַרץ, אַז איך דאַרף דיר אַוועקרייסן פון דיין מאַמען, איך האָב אָבער בטחון צו גאָט, אַז דאָס איז נישט אויף לאַנג, געדולד קינדעניו מיינס! איך האָף, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן, דיין טאַטע וועט איינזעען דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דיין מאַמען, און דו וועסט מער נישט דאַרפן

ליידן, נאָר זיין גליקלעך מיט דיין טאַטן און מיט דיין מאַמען ווי אַמאָל. דערווייל קינד מיינס, מוזטו פאָלגן דיין טאַטן און צוריקגיין אַהיים, אַז ער פאַרלאַנגט דיר.

ס אַ ב י נ ע: אָבער זיידעניו, האָב איך דען קיין רעכט נישט דאָ צו זיין מיט מיין מאַמען? וואָס פאַר אַ פאַרברעכן בין איך באַגאַנגען? פאַרוואָס זאָל מיר געראויבט ווערן די איינציקע טרייסט, די איינציקע פרייד אין מיין לעבן? מאַמעניו, מאַמעניו, וואָס זאָל איך טון?

א ס ת ר: באַרואיק דיר קינד מיינס, דו שניידסט מיין האַרץ ווי מיט מעסערס.

אויפטריט יונה (פון לינקס).

י ו נ ה (בריט זיך מיט אַ הייסער קאַרטאָפלע אין מויל): זייט מוחל ר׳ יחזקאל, דער עולם זיצט דאָרט און וואַרט אויף אייך מיט דער מלוה־מלכה (אָפּ).

י ח ז ק א ל: יאָ, יאָ איך גיי שוין אַריין, נו קינד מיינס באַרואיק זיך, וויין נישט, קינד מיינס, מען טאָר נישט לאָזן קיין טרערן אויף דער פולער וואָך, זאָרג נישט, השי״ת וועט אונז נישט פאַרלאָזן, נו זיי געזונט, קינד מיינס, און פאָלג דיין זיידן און גיי צוריק אַהיים אַ גוטע וואָך...
(קושט זי, אָפּ).

ס אַ ב י נ ע: מאַמעניו, מאַמעניו, וואָס טוט מען? איך קען נישט אַוועקגיין פון דיר. די גאַנצע צוויי יאָר, וואָס איך בין געוועזן אין פּענסיאָנאַט, האָב איך מיר שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, באַלד, באַלד וועל איך אַהיימקומען, וואו איך וועל טרעפן מיינע גליקלעכע עלטערן, און זיי וועלן זיך פרייען מיט מיר און מיר וועלן לעבן צוזאַמען גליקלעך און צופרידן. וואָס אָבער האָב איך געטראָפן, ווען איך בין אַהיימגעקומען? און איצט מאַמעניו, ווען איך בין מיט דיר ערשט איין טאָג, וויל מען מיר שוין אַוועקרייסן פון דיר! אוי מאַמעניו, איך קען נישט, לאָז מיר כאָטש נאָך איין נאַכט בלייבן מיט דיר, נאָך איין נאַכט.

א ס ת ר: אוי קינד, וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון? איך וועל אַריינגיין צום זיידן פרעגן אַן עצה, וויין נישט קינד מיינס, וויין נישט!
(אָפּ לינקס).

ס אַ ב י נ ע: אָ, איך האָב גאָר נישט געוואוסט ווי גליקלעך איך בין אַמאָל געוועזן, ווען איך האָב געהאַט מיין טאַטע־מאַמע בײַ מיר, עס איז נישטאָ קיין גרעסער גליק אויף דער וועלט, ווי טאַטע־מאַמע!

דאָס קינדערשע גליק נאָר אין דעם באַשטייט,
ער זאָל ווערן פון עלטערן געליבט,
ווען טאַטע און מאַמע זענען צעשיידט,
דאַן איז שוין דאָס קינד פאַרקלאָגט און באַטריבט.
דער טאַטע לאָזט דאָס קינד נישט אַוועק,
די מאַמע וויינט נאָך דעם קינד אַ שרעק.
דאָס קינד ליידט נעבעך צרות און פיין,
עס קען נישט פאַרטראָגן זייער געשריי,
עס גלוסט זיך צוזאַמען מיט ביידע צו זיין,
ווייל יעדעס אבר, ווען מען שניידט, טוט וויי!

רעפריין: אוי טאַטעניו, אוי ווי מאַמעניו,
איך בין מקנא קינדערלעך,
ווען ביידע זיכן פרייד
צו דערלעבן ביי זיי גלייך,
טאַטע-מאַמע, ווער עס האָט,
דער איז נאָר געבענטשט פון גאָט.
גאָטעניו איך בעט ביי דיר,
ברענגען זיי צוזאַמען מיט מיר (אָפּ לינקס).

אויפטריט שלמקע (שנעל אריין).

שלמקע (קלאַפּט אין טיר לינקס): אַ גוטע וואָך!

אויפטריט יחזקאל.

שלמקע: נו, וואו איז זי, וואו איז דאָס קינד? גיכער גיט מיר דאָס קינד!

יחזקאל: שאַ, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם, עס ברענט דאָך נישט! גאָט איז מיט אייך! וואָס איז דאָרט אַזויינס?!

שלמקע: וואָס דאָרט איז, פרעגט איר? אוי ר׳ יחזקאל, ווען איר זאָלט זען וואָס דאָרטן טוט זיך, מיין דודל איז שוין אויס מענטש, כ׳האָב שוין נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן פון רחמנות און איך בין אַהער געלאָפן, כדי זי צוריקצוברענגען, ער וועט עס נישט אויסהאַלטן.

יחזקאל: נו, נו, נשקשה, ער דאַרף זיך גאָרנישט שרעקן, דאָס קינד איז דאָ אין גאַנץ גוטע הענט, זי איז דאָך נישט ביי פרעמדע, זי איז דאָך ביי איר אייגענער מאַמען.

שלמקע: זאָלט איר מיר געזונט זיין, ר׳ יחזקאל-לייב, וואָס רעדט איר? איר ווילט זי דאָ נאָך לענגער האַלטן? מיט געוואַלד ווילט איר זי דאָ האַלטן?

יחזקאל: וואָס הייסט מיט געוואַלד? דאָס קינד איז געווען די גאַנצע צייט מיט אים, און מיר האָבן גאָרנישט געמאַכט אַזאַ געוואַלד און דאָ איז דאָס קינד ערשט דעם צווייטן טאָג און זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך! נאָר שאַט ר׳ שלמקע, מאָרגן וועט זי מיט אייך אַהיימגיין.

שלמקע: וואָס רעדט איר? אַך, איך האָב דאָך שוין נישט קיין גאַנץ ביינדל אין מיר, מיין זון פון איין זייט און מיין ריקעל פון דער אַנדערער זייט! אוי, ר׳ יחזקאל האָב איך נעהאַט אַ פרייטאג-צונאַכטס, איך וואונטש עס נישט דעם גרעסטן שונא מיינעם, אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געהאַלטן אין איין וואַרפן, איך בין נאָר וואָס איינגעשלאָפן, פלוצים באַקום איך אַ זעץ אין דער זייט אַריין, פערד!.. האָט זי געשריגן, וואָס הייסט, דו נעמסט אַוועק אַ קינד פון דער היים אָן מיין וויסן? און היינט, האָב איך מיר קוים דערבעטן ביי זיי, מען זאָל אייך נישט צעשטערן דעם שבת און איך האָב געשוואוירן, אַזויווי עס וועט נאָר נאַכט ווערן, וועל איך זי צוריק-ברענגען און אויב איך קום נישט באַלד אַהיים, וועט מיין ריקעל דאָ באַלד זיין, און אַז זי וועט אַהערקומען, בין איך אייך נישט מקנא.

יחזקאל (רופט אין קוליסן): ר׳ יונה, זייט אַזוי גוט!

אויפטריט יונה.

יחזקאל: גייט זייט מוחל אַרויס און גיט אַכטונג, טאָמער וועט איר זען עמיצן פון זיי אַהער קומען, זאָלט איר אונז באַלד אַריינלויפן זאָגן.

יונה: מילא, (אָפּ אין דער מיט).

שלמקע: זאָגט מיר, ר׳ יחזקאל-לייב, וואו איז אייער יושר? איר מיט אייער טאָכטער, האָבן מיר געבעטן, איך זאָל אַהער ברענגען דאָס קינד אויף אַ האַלבע שעה, האָב איך מיר איינגעשטעלט מיין יונג לעבן און איך האָב זי צו אייך געבראַכט. אוי, מיין ריקעל.

יחזקאל: נאָר נישט געזאָגט, ווען אייער ריקעל וועט אַהער קומען, וועט זי דאָס קינד נישט טרעפן.

שלמקע: יאָ, אָבער מיר וועט זי דאָך טרעפן, זי וועט מיר דער-הרגענען.

יחזקאל: יענע קען זיך נישט צעשיידן מיט איר אויף קיין מינוט, זייט זי איז געקומען, איז זי דאָך, ווי נײַ געבוירן, ווי קענט איר דאָס פאַרלאַנגען, ר' שלמקע?

שלמקע: אוי, געוואַלט רוצחים, וואָס האָט איר צו מיר!? אויב איר גיט מיר נישט באַלד צוריק דאָס קינד, מעג איך שוין גומל-בענטשן!

יחזקאל: וואָס הייסט גומל-בענטשן? מילא קענען זיין ווייב, איז זיך אייער זון נישט באַגאַנגען ווי אַ פיינער מענטש, אָבער קענען זיין טאַטן?

שלמקע: ווער רעדט דען דאָ פון מיין זון? פאַר אים האָב איך שוין גאָרנישט קיין מורא, איך האָב אָבער אַ ווייב! און זי הייסט ריקעל.

יחזקאל: האָט מיר נישט קיין פאַריבל, איר זענט אַ גרויסער מלמד, וואָס הייסט, אַ ייד זאָל מורא האָבן פאַר זיין ווייב, פע, פע!

שלמקע: אוי, ר' יחזקאל, זאָגט דאָס נישט, איך וואונטש עס אייך נישט, איך וואונטש עס נישט קיין שום ייד, נאָר ווען איר זאָלט האָבן מיין ריקלען פאַר אַ ווייב, וואָלט איר נישט געזאָגט פע, נאָר מע...

אויפטריט יונה

יונה (שנעל): די חזנטע גייט אַהער! (אַלגעמיינער גערויש).

שלמקע: וואו באַהאַלט מען זיך דאָ?!... (קריכט אונטערן טיש).

ריקעל (אונטער דער סצענע): איך וויל זען, ווער עס וועט מיר נישט לאָזן אַהיימנעמען דאָס קינד.

אויפטריט ריקעל.

יחזקאל: אָבער חזנטע, גאָט איז מיט אייך! מילא, אַז מיר זענען שוין אויס מחותנים, אָבער אַ „גוטע וואָך" מעגט איר דאָך זאָגן, אַז איר קומט אַריין אין אַ יידישער שטוב.

ריקעל: לערנט אייער טאָכטער דרך-ארץ! וואו איז דאָס קינד? זי וועט עס נאָך זאַמוטשען, אַזוי ווי זי האָט זאַמוטשעט איר כשר זונדעלע... וואו איז דאָס קינד? וואו איז מיין מאַן?

שלמקע: אין דר'ערד מיטן קאָפּ!

ריקעל: וואָס איז דאָס? איר האָט ביידע דאָ באַהאַלטן ביי אייך? וואו איז מיין מאַן, פרעג איך? ר' יונה, איר מוזט מיר שוין זאָגן, וואו מיין מאַן איז? (טרייסלט אים).

יונה: וואָס ווילט איר פון מיר? איך האָב אים נישט, איר קענט מיר באַזוכן.

ריקעל: אַ שוואַרצע נאַכט וועט איר דאָ היינט האָבן פון מיר! וואו האָט איר באַהאַלטן מיין מאַן און אונזער קינד?!

יחזקאל: איך בעט אייך חזנטע, מאַכט נישט קיין געוואַלד, דאָס קינד קען זיך נאָך דערשרעקן.

ריקעל: אַזוי הייסט עס, זיי זענען דאָ אין הויז, נו, לאָמיך נאָר זען וואו זיי זענען (אָפּ).

יחזקאל: לאָמיך נאָר אַריינגיין, זי וועט נאָך דאָס קינד מיט געוואַלד וועלן נעמען.

שלמקע: ווי גאָט איז אייך ליב, גייט נישט אַריין אַהין, זי וועט אייך דאָרט אַלע מימית (עס הערט זיך אונטער דער סצענע ברעכן טעלער).

יחזקאל: וויי איז מיר, וואָס טוט זי דאָרטן? (אָפּ צו איר).

שלמקע: ר' יונה, טוט מיר אַ טובה און שטעלט אייך אַנידער דאָרט ביי דער טיר און לאָזט קיינעם נישט אַריין, ביז איך וועל פון דאַנען אַרויס.

יונה: מילא, אַזאַ טובה קען איך אייך טאָן, אָבער מאַכט עס שנעל (שטעלט זיך ביי דער טיר).

אויפטריט ריקעל (שטורמיש, וואַרפט אום יונהן).

ריקעל: איך וועל זיי לערנען, וואו צו באַהאַלטן קינדער, נאָך היינטיקע נאַכט, וועלן זיי אַלע נעכטיקן אין קרימינאַל!

שלמקע: אוי, מיינע פיס!

ריקעל: האַ, עפּעס האָב איך דאָ געהערט אַ באַקאַנטן קול!?

יונה: דאָס האָב איך אַזוי געקרעכצט, איר האָט אָך מיר שיעור דערהרגעט.

ריקעל: וואָס עס האָט געזאָלט טרעפן מיין מאַן, איז אויסגעגאַנגען צו אייער קאָפּ, אָבער וואו איז ער, וואו איז שלמקע?

יונה: נאָך וואָס דאַרפט איר אים? איר זענט דאָך אייך שוין נוקם געווען אין מיר.

ריקעל: וואָס איך דאַרף אים, פרעגט איר? קיין גאַנץביינדל, קיין האָר אין קאָפּ וועל איך אים נישט איבערלאָזן, דעם טויט וועל איך אים מאַכן!

שלמקע: יתגדל ויתקדש.

ריקעל: ער האָט דאָך דאָ אָנגעמאַכט די אַלע צרות, ווער האָט אים געבעטן, ער זאָל דאָס קינד דאָ אַהער ברענגען? ווי שטעלט זיך דאָס אונטער אַ מאַן, צוועקצונעמען אַ קינד פון דער היים און ביי קיינעם זיך

נישט פרעגן. ר׳ יונה, מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז איר ווייסט וואו ער איז, וואו איז ער? (טרייסלט אים).

יונה: זאָלט איר מיר געזונט זיין חזנטע, וואָס ווילט איר נעבעך פון זיין לעבן האָבן? פאַרוואָס זאָלט איר נישט האָבן קיין רחמנות אויף אים? איר זעט דאָך, ער גייט נעבעך אַרום ווי אַ טויטער מעת.

ריקעל: ווער האָט אים געבעטן, ער זאָל דאָס קינד אַהער פירן?

יונה: ער איז אַ מענטש, מיט אַ ווייך האַרץ, ער האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון אסתרלען, אַ מאַמע האָט נישט געזען איר איינציק קינד העכער צוויי יאָר, איר הערט חזנטע, עס איז מיר געווען מער רחמנות אויף אייער מאַן, ווי אויף אייער אסתרלען.

ריקעל: יאָ, איך ווייס, מיין שלמקע איז זייער אַ גוטער מענטש מיט אַ דימענטן האַרץ.

שלמקע: אוי אַ געזונט אים אין קאָפּ אַריין!

יונה (צו ריקלען): נו וואָס־זשע דען טוט איר אים אָן אַזויפיל יסורים?

שלמקע: אָט דאָס פרעג איך דאָך אויך.

ריקעל: איר מיינט אין דערמאָנען ר׳ יונה, אַז ווען איך בייזער מיר אויף אים און שעלט אים, מיין איך טאַקע עפעס דערביי? גאָרנישט... מען איז אין כעס...

שלמקע: שלאָגט מען זיך קאָפּ אין וואַנט.

ריקעל: מען דאַרף דאָך האָבן צו עמיצן אויסצולאָזן, נו, איז ער מיר אונטער דער האַנט, לאָז איך אויס צו אים. אָבער אין דערמאָנען איז ער דאָך מיין אויג אין קאָפּ, איך ווייס, אַז עס זענען נישטאָ אַ סך אַזעלכע מענער ווי מיין שלמקע.

יונה: וועט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט אים גאָרנישט טון, וועט איר ווערט אים געפינען?

ריקעל: האַ, איר ווייסט טאַקע וואו ער איז?

שלמקע: זאָגט נישט, ר׳ יונה, גאָט איז מיט אייך, זאָגט נישט!

יונה: קריכט אַרויס, זי וועט אייך גאָרנישט טון (ער גיט אַ הייב אויף דעם טיש, שלמקע קריכט אַרויס).

ריקעל: אוי, אַ בייזער, ווייסטער, שוואַרצער חלום, זאָל מיר אויסגיין צו דיין קאָפּ און צו דיין הענט און פיס און צו דיין לייב און לעבן! אונטערן טיש ליגסטו גאָר? נו, איך פרעג אייך ר׳ יונה, קען מען אויסהאַלטן פון אַזאַ לעמישקע? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן, ער איז דאָך דאָ געלעגן די גאַנצע צייט און האָט אַלץ געהערט.

שלמקע: גאָרעלע, עס איז בעסער אַזוי, אַצינד ווייס איך כאָטש, אַז דו ביזט נישט אַזאַ שלעכטע, ווי איך האָב געמיינט.

ריקעל: וואו איז דאָס קינד, פרעג איך דיר? האָסט דאָך געזאָגט, אַז וויבאַלד עס וועט נאַכט ווערן, וועסטו זי אַהיימברענגען.

שלמקע: אָבער ריקעל, איך וויל דען נישט אַהיימברענגען? זיי לאָזן איר נישט נעמען, וואָס־זשע האָסטו צו מיר?

ריקעל: נו, הערט כאָטש תענות פון אַ מאַן, וואָס איך האָב צו אים פרעגט ער, ווער האָט דיר געהייסן דאָס קינד אַהער ברענגען?

יונה: אָבער חזנטע, עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן.

ריקעל: פאַרפאַלן, איך גיי שוין צו מיין דודן און ער וועט באַלד ברענגען פאָל ציי, אין קרימינאַל, וועלן זיי היינט נעכטיקן!

שלמקע: עט... עט...

ריקעל: עט, האָט ער געזאָגט!!

יונה: חזנטע, זאָלט איר געזונט זיין, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן מיט אַ מאַן, פאַרוואָס זאָלט איר נישט האַלטן ווי אין פסוק שטייט: „והוא ימשל בך“. אַפילו ביי די חיות, איז דער מאַן דער בעל־הבית.

געזאַנג

יונה:
אויף דער גאַנצער וועלט,
איז דער מאַן דער העלד.
דאָס איז שוין נישט קיין נייעס,
דער „ער“ איז דער גראַף,
און די „זי“ איז דער שקלאַף,
אַפילו ביי חיות.

ריקעל:
דאָ איז אָבער נאָך נישט אַלץ,
אויך די „זי“ האָט פיל מעלות.
פיל מאָל, קענט איר זיך אָן איר נישט באַגיין,
זאָלן מענער ווייזן חינגדער,
אָן אַ „זי“ צו האָבן קינדער,
אדרבא, ווייזט אַ קונץ, נו לאָם איך זען.

שלמקע:
פון קינדער ריידן טאָגט נישט אָן,
דער הער מוז הערשן, דאָס איז מיין געשריי,
אָט זעט די הין דאַרף מיט דעם האָן,
די ציטערס, פלאַטערס, פאַר זיין קריי.

אלע: אזוי מאַכן זיי:
קוקוריקו, קוקוריקו, קומט ער ווי אַ הילדער,
קוקוריקו, קוקוריקו, הערט מען זיין געשריי,
קוקוריקו, קוקוריקו, מאַכט ער אַ געפילדער.
קוקוריקו, קוקוריקו, קוקוריקו, קוקוריקו,
און די הינער, ווי די שקלאַפן פאָלגן מוזן זיי.

יונה: יאָ יעדער מאַן, מוז הערשער זיין,
דאָס האָט איינגעזעצן גאָט אליין.

שלמקע: אין דער תורה איז געשריבן דאָך,
דער פסוק, והוא ימשל בה.

רעפריין: והוא, הוא, הוא, הוא, ימשל, ימשל בה,
והוא, הוא, הוא, הוא, יעדער חכם זאָגט אזוי,
קענסט קיין מאַן נישט זיין, גיי מיר אין דר'ערד אריין.
דאַרפסטו קייען, דאַרפסטו קייען,
דאַרפסטו קייען שטרוי. (ביס).

שלמקע: אַ סוד וויל איך אייך אָבער זאָגן דאָ,
איך מיין גאַנץ ערנסט, אָן אַ וויץ אוי, אוי,
הלואי עס זאָל זיך נישט טרעפן, וואָס עס טרעפט זיך אוי,
אוי, קומען זיי צו אונז, נאָך ווי אַזוי. והוא, הוא, הוא א. אַ. וו.

(טאַנצן אָפּ).

אויפטריט אסתר, יחזקאל.

יחזקאל: טאָכטער, מיר שרעקט זייער דאָס האַרץ, אַז מיר וועלן דאָ נאָך היינט האָבן אַ סקאַנדאַל, די חונטע איז אָוועקגעלאָפן מלא-רציחה, זי וועט דערציילן דודן, אַז מיר ווילן דאָס קינד נישט צוריקגעבן, ער איז אַ היציקער מענטש, ער קען טאַקע ברענגען פּאָליציי און עס קען נאָך ווערן אַ פּראָצעס.

אסתר: אָבער טאַטעניו, וואָס הייסט? ער וועט מאַכן אַ פּראָצעס געגן אונז? מיר ווילן זי דען נישט צוריקגעבן?

יחזקאל: דו האָסט געדאַרפט פאָלגן בײַ סאַפּינעלע, זי זאָל צוריק-ביין מיטן חון.

אסתר: דו האָסט דאָך געזען טאַטעניו, וויפיל איך האָב זי געבעטן.

יחזקאל: אוי, מיר שרעקט זייער מיין האַרץ. (פויזע. ער קוקט אין פענסטער). אסתרל, דער דאָקטאָר שוואַרץ איז דאָ! איך גיי אַריין, איך וויל דיר דאָ נישט שטערן, אסתרל בעט אים, ער זאָל אויף דיר און אויף מיר רחמנות האָבן און אַרויסגעבן דעם סוד. (אָפּ)

אויפטריט שוואַרץ.

שוואַרץ: גוטן אָוונט, אסתרל! איך האָף, אַז היינט וועלן מיר זיך קענען אַביסל רואיקער אדורכריידן.

אסתר: נאָר קורץ, וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

שוואַרץ: הערט מיר אויס אסתרל: אייער איצטיקע לאַגע, איז מיר גוט באַקאַנט, איך ווייס וויפיל איר ליידט איצט, און איך פיל, אַז איך בין אין אַלעם שולדיק, אַלע אייערע ליידן און שמערצן האָב איך אייך פאַר-שאַפט, און דערפאַר, פיל איך עס אַלס אַ פליכט, אייך צו העלפן.

אסתר: מיר צו העלפן? זאָל איך גלויבן, אַז איר האָט אייך אַנט-שלאָסן מיר צוריקצוגעבן מיין גוטן נאָמען? אָ, איר ווייסט גאָרנישט, ווי דאַנקבאַר איך וועל אייך זיין!

שוואַרץ: יאָ אסתרל, איך וועל אַלץ טון פאַר אייך. אסתר, איך פיל, אַז ווערטער זענען איצט איבעריק, איר פאַרשטייט אליין, וועלכע געפילן עס האָבן מיר געטריבן אייך צו שרייבן, איר זאָלט מיר ערלויבן צו אייך צו קומען און מיט אייך צו ריידן, ווען מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען, זענט איר נישט געווען פריי און דערפאַר האָב איך נישט געקענט אייך אַלץ צו זאָגן, און עס איז געווען זייער נישט אַנשטענדיק פון אייך, וואָס איר האָט נישט געוואָלט הערן פון מיר, אָמער יעצט אסתר, זענט איר פריי. נישט אייער מאַן און נישט די אויסערע וועלט, קענען צו אייך האָבן וועלכע עס איז פּרעטענסיעס, ווען איר זאָלט וועלן אַוועקשענקען אייער האַרץ צו וועמען איר געפינט פאַר נויטיק!...

אסתר: דאָקטאָר, צו וואָס נוצן די אַלע אומזיסטע רייד? אויב איר פאַרשטייט ווירקלעך, אַז איר זענט שולדיק אין מיין אומגליק, אין מיינע ליידן, אויב איר האָט אַביסל רחמנות אויף מיר. דאָקטאָר! איך בין אַ מוטער פון אַן איינציק קינד, אָן וועלכן איך קען נישט לעבן און איצט וויל מען עס צונעמען ביי מיר, איך האָב איצט נישט קיין געזעצלעך און קיין מאָראַליש רעכט, צו פּראָטעסטירן קעגן דעם. איר אַליין זענט דער, וועלכער קען מיר ראַטעווען! (פאַלט צו זיינע פיס) דאָקטאָר, פאַר אייערע פיס

ליג איך און בעט אייך: ראַטעווועט מיר! נישט פאַר מיר בעט איך דאָס, נאָר פאַר מיין קינד, לאָזט נישט פון מיר אָוועקרייסן מיין קינד!

ש וו אַ ר ץ: אָבער וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

א ס ת ר: איר זאָלט גיין צו מיין מאַן, און אים דעם גאַנצן אמת דערקלערן, אַז איך בין אומשולדיק!

ש וו אַ ר ץ: וואָס מיינט איר מיט דעם? איך זאָל גיין צו אייער מאַן? איר ווילט איך זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד? ניין, דאָס קענט איר פון מיר נישט פאַרלאַנגען.

א ס ת ר: האָט איר דען נישט ערשט געזאָגט, אַז איר פילט אייך שולדיק קעגן מיר און איר האָט מיטלייד מיט מיר?

ש וו אַ ר ץ: יאָ אסתר, איך האָב עס געזאָגט און זאָג עס אויך איצט. אסתר, איר ווייסט גאָרנישט וויפיל איך בין אומשטאַנד צו טון פאַר אייך, מיין לעבן וועל איך פאַר אייך אָפּגעבן, איך וועל אַלץ אין דער וועלט אָנ-ווענדן פאַר אייך, איך וועל אייך גליקלעך מאַכן! אסתר, ווערט מיין פרוי!

א ס ת ר: האַ, דאָס איז געווען דער צוועק פון אייער אַהער קומען? כאַ, כאַ, כאַ! און איך נאַר, האָב נאָך געקענט אויף איין מינוט גלויבן, אַז אין אַזאַ איינעם, געפינט זיך נאָך אַ פונק פון מענטשלעכקייט? אַרויס! אַרויס פון מיין הויז!

ש וו אַ ר ץ: אָבער אסתר, פאַרוואָס קומט עס מיר? דערפאַר ווייל איך פאַרגעטער אייך?

א ס ת ר: איר פאַרלאַנגט איך זאָל אויף אייך מיטלייד האָבן, פאַר-וואָס האָט איר נישט אויף מיר וויניקסטסנס אַביסל מיטלייד? זעט וויפיל איך לייד!...

ש וו אַ ר ץ: אסתר, ווערט מיין פרוי, ווי אַ קעניגין וועל איך אייך באַהאַנדלען, איר וועט זיין מיין שטאָלץ, מיין קרוין, מיין אַלץ!...

אויפטריט יחזקאל (קוקט אריין פון אונטער דער סצענע).

א ס ת ר: גייט, אוממענטש! איך וויל מער פון אייך אַזעלכע ווערטער נישט הערן!

ש וו אַ ר ץ: באַרעכנט אסתר, וואָס איר טוט, איר וועט עס באַדויערן געדענקט, איך וואָרן אייך צום לעצטן מאָל! אייער יעצטיקער טהאַט וועט מיר טרייבן צום שרעקלעכסטן, אָדער איר וועט זיין מיינע, אָדער מירביידע וועלן צו גרונט גיין! (אָפּ).

אויפטריט יחזקאל.

א ס ת ר: אוי, טאַטעניו, איך בין אומגליקלעך.

י ח ז ק א ל: איך האָב אַלץ געהערט, קינד מיינס, טאָכטער מיינע, נאָר נישט פאַרצווייפלט, פאַרליר נישט קיין האָפנונג. איצט טאָכטער האָב איך מיר איבערצייגט, אַז דו האָסט מיר דעם אמת געזאָגט, אַז דו ביזט אַ כשרע יידישע טאָכטער און גלייב מיר, אַז גאָט וועט דיר דערפאַר באַלוינען (ער קוקט אין פענסטער) אסתרל, זיי גייען אַהער.

א ס ת ר: ווער?

י ח ז ק א ל: דוד, שלמקע, ריקעל, אַלע גייען אַהער.

א ס ת ר: טאַטעניו, איך האָב מורא!

י ח ז ק א ל: שאַ, שאַ, שרעק זיך נישט, זיי וועלן איר נישט געפונען.

אויפטריט שלמקע, ריקעל, דוד.

ר י ק ע ל: אָט איז זי דאָ, מאַך שוין אַ סוף!

ש ל מ ק ע: ריקעל, מאַך שוין צו דיין אויג... דעם פיסק מיין איך...

ד ו ד: ווילט איר מיר אַנטשולדיקן אויף אַ קורצער צייט? (אַלע אָפּ) וואו איז דאָס קינד? עס איז זייער נאַריש פון אייך, זי דאָ צו האַלטן מיט געוואַלד.

א ס ת ר: דוד, איידער מיר גייען ווייטער, וויל איך דיר פרעגן: ביזטו נאָך אַלץ פעסט אַנטשלאָסן אָוועקצופאָרן פונדאַנען?

ד ו ד: אַזוי שנעל, ווי מעגלעך.

א ס ת ר: און סאַבינעלען מיטנעמען?

ד ו ד: וואָס פאַר אַ פראַגע? איך האָף, אַז דו וועסט מיר נישט צווינגען, עס זאָל קומען צו אַ סקאַנדאַל.

א ס ת ר: דאָך האָב איך קיין אַנדערן אויסוועג נישט, זי איז איצט ביי מיר און איך וויל זי דיר נישט געבן.

ד ו ד: מיין קינד, ווערסטו מיר נישט געבן, מיין קינד?!

א ס ת ר: דיין קינד? אונזער קינד, דער גט האָט אונז נאָר געמאַכט פאַר אויס מאַן און ווייב, אָבער נישט פאַר אויס טאַטע-מאַמע.

ד ו ד: דו האָסט דיין רעכט אַלס מוטער פאַרלוירן.

א ס ת ר: פאַרלוירן מיין רעכט אַלס מוטער? פאַרוואָס? דערפאַר ווייל איך האָב געזאָגט דעם אמת? האָב איך דיר דען נישט געקענט ווייטער נאַרן? און שווייגן, שווייגן ביז מיין טויט? איך האָב אָבער געוואָלט זיין

ערלעך, איך האָב דיר נישט געוואָלט זיין פאַלש, אפילו מיט מיינע געדאַנקען, דערפאַר האָב איך מיין רעכט אַלס מוטער פארלוירן ?

ד ו ד : וואו איז דאָס קינד, פרעג איך ?

א ס ת ר : איין אויגנבליק, דוד, אויב דו האָסט נאָך אַ פונק פון ליבע צום קינד, אויב אין דיר געפינט זיך אַביסעלע מענטשלעכע, געפילן, דאַן איז נאָר דאָ איין אויסוועג : דאָס קינד אַליין זאָל אונזער ריכטער זיין. זי זאָל ענטשיידן צווישן מיר און דיר, מיט וועמען זי וויל בלייבן.

ד ו ד : גוט, זאָל דאָס קינד אַליין אורטיילן איבער אונז.

א ס ת ר : סאַבינעלע, קינד מיינס, קום נאָר אריין ! נאָר דאָס קינד זאָל אַנטשיידן צווישן אונז.

אויפטריט סאַבינע.

ס אַ ב י נ ע : האָסט מיר גערופן מאַמאַ ? צו וואָס האָסטו מיר גערופן ?

א ס ת ר : הער, סאַבינעלע, ד״ר האָבן מיר באַשטימט, דו זאָלסט זיין אונז ערריכטערין, דו דאַרפסט אַצינד אויסוויילן, מיט וועמען דו ווילסט בלייבן ?

ס אַ ב י נ ע : איך זאָל אויסוויילן ? ווי אַזוי ? ווען איך זאָל מיר אַנטשליסן צו גיין מיט מיין פּאַפּאַ, וואָס וועט זיין מיט מיין מאַמאַ ?

א ס ת ר : שלעכט וועט זיין מיט מיר.

ס אַ ב י נ ע : און ווען איך זאָל מיט דיר בלייבן, וועט דאָך דער פּאַפּאַ דאָס זעלבע זאָגן. ניין, איך האָב אַ בעסערן פּלאַן : קום מיט מיר, איך וועל דיר צום פּאַפּאַ צופירן, און דו זאָלסט אים איבערבעטן. איך ווייס, דער פּאַפּאַ איז אַ גוטער, און ער וועט דיר־געוויס מוחל זיין. (לויפט צו אים) פּאַפּאַ, איאָ דו וועסט דער מאַמעניו מוחל זיין ? ווען זי וועט דיר איבערבעטן ? לאָז מיר פּאַפּאַ, וועל איך אייך ביידע צוזאַמענברענגען און עס וועט ווידער ווערן שלום און איר וועט ווידער זיין מיינע גליקלעכע טאַטע־מאַמע ווי אַמאָל.

ד ו ד : ניין, קינד מיינס, דאָס וואָס צווישן מיר און דער מאַמען איז פאָרגעקומען, האָט צווישן אונז ביידע אַ טיפן אָפּגרונד געמאַכט, מיר קענען שוין קיינמאָל נישט זיין דאָס, וואָס מיר זענען געווען, ווייל מיר זענען פרעמדע און נאָר ביי איינעם פון אונז קענסטו בלייבן.

ס אַ ב י נ ע : פרעמדע ? מיין טאַטעניו און מיין מאַמעניו זענען פרעמדע ? נער ביי וועמען זאָל איך בלייבן ?

א ס ת ר : דאָס איז אין דיין האַנט אַליין טאָכטער !

ס אַ ב י נ ע (מיט געוויין) : איך זאָל וועלן אויסוויילן צווישן אייך ביידע ? וועמען פון אייך זאָל איך אויסוויילן און וועמען זאָל איך איבער־לאָזן ? ווען איר זענט מיר ביידע גלייך ליב, ביידע גלייך טייער, צוויי יאָר בין איך געוועןן

אין פּענסיאָנאַט, ווייט פון דער היים, געציילט יעדן טאָג, יעדע שעה, ווידער צו געפונען מיינע ליבע עלטערן, מיין גליקלעכע היים, און וואָס האָב איך אנשטאט דעם געפונען ? צוויי פרעמדע, וואו זענען מיינע עלטערן פון אַמאָל ? וואו זענען זיי ? איך האָב זיי נישט מער ! אַ יתומה בין איך איצט ! אַ יתומה ! אַ לעבעדיקע יתומה ! אוי פּאַפּעניו ! אוי מאַמעניו ! איך... (חלשט).

אויפטריט יחזקאל.

י ח ז ק א ל : ווי איז מיר, על תפתח פה לשטן, איך האָב מורא, זיי העלן חלילה דאָס קינד דערהרגענען !

א ס ת ר : דוד, אונזער קינד שטאַרבט ! (פאַלט צו זיינע פיס) דוד, איך בעט דיר, הער מיר פריער אויס, איך וויל מיר נישט פאַרטיידיקן, נאָר פאַרקערט, איך גיב צו, איך בין שולדיק, אָבער אונזער קינד, זי וועט עס נישט אויס־האַלטן, לאָז מיר זיין אַ דינסט צו מיין קינד, קענסטו דען געפונען פאַר דעם קינד אַ געטרייערע דינסט, ווי איך וועל זיין ? ראַטעווע דיין קינד ! טאַטע, ראַטעווע דיין קינד ! (וויינט).

ד ו ד : ניין, ניין, לענגער וועסטו נישט ליידן, קינד מיינס ! דיין פּאַפּאַ זאָרגט פאַר דיר אַלץ, דו זאָלסט זיי ווידער האָבן צוזאַמען.

ס אַ ב י נ ע : פּאַפּאַ, פּאַפּאַ ! (נעמט אים ארום).

פ אַ ר ה אַ נ ג.

פערטער אַקט.

(דאָס זעלבע צימער, וואָס אין דריטן. יחזקאל גייט אום איבער דער שטוב).

יחזקאל: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? דאָס קינד איז עפּעס נישט מיט אַלעמען... אַ קלייניקייט! נאָך אַזויפיל אויפרעגונג, זאָל זי זיך נאָך גוט פילן? וואָס טוט מען? דוד וויל שיקן נאָכן דאָקטאָר שוואַרץ, אַזאַ זאַך, טאָר איך נישט דערלאָזן, דאָקטאָר שוואַרץ, טאָר אהער אין הויז נישט אַריינקומען און בפרט נאָך היינט, ווען מען דאַרף שטעלן די חופה, ער קען זיך נאָך דערוויסן דערפון און ווער ווייסט, וואָס אַזאַ אוממענטש קען אונז נאָך טון, ער קען נאָך מאַכן אַ סקאַנדאַל און צעשטערן די גאַנצע חתונה. וואָס-זשע טוט מען אָבער, ווען דוד האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל נאָר דעם דאָקטאָר שוואַרץ? אוי גאָטעניו, גאָטעניו, באַווייז מיר דיין חסד און העלף מיר ווייטער, אויב מיין קינד איז נכשל האָסטו זי שוין בענוג גע-שטראָפט דערפאַר.

אויפטריט דוד.

יחזקאל: גוט מיין קינד, וואָס דו ביזט דאָ, איך האָב מיט דיר עפּעס צו ריידן.

דוד: אָבער איך בעט אייך, שווער לעבן, מאַכט עס קורץ, סאָבי-נעלע פילט זיך נישט ווי אַמבעסטן און מען מוז גלייך שיקן נאָך אַ דאָקטאָר.

יחזקאל: טאַקע וועגן דעם האָב איך מיט דיר געוואָלט ריידן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אסתר גלייבט נישט אין דאָקטאָר שוואַרץ, זי האָט פּשוט נישט קיין צוטרוי צו אים, און דו ווילסט דוקא שיקן נאָך אים, וואָס איז, עס זענען דאָ וויניק דאָקטוירים ביי אונז אין שטאָט?

דוד: איך פאַרשטיי אייך נישט שווער, ערשטנס איז דאָקטאָר שוואַרץ, אַ גוטער דאָקטאָר, מיט אַ גרויסן נאָמען און צווייטנס איז ער דאָך מיינער אַ יוגנט-פריינט. איר דאַרפט אייך נישט שפּאַרן, עס איז נישט אַזוי וויכטיק.

יחזקאל: יאָ דוד, עס איז זייער וויכטיק, און איך בעט דיר טו מיר צוליב און שיק נאָך אַן אַנדערן דאָקטאָר.

דוד: וואָס טוט זיך דאָ, פּונקט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ לעבנס געפאַר, וואָס איז אייך דער אונטערשיד, וועלכער דאָקטאָר?

יחזקאל: טאַקע, ווייל עס איז נישט קיין גרויסער חילוק און אסתרל בעט דיר, זיי-זשע אַ גוטער און טו איר צוליב, דאָס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב ביי דיר עפּעס געבעטן. נו, טו מיר צוליב עס איז זייער וויכטיק, אַז דאָקטאָר שוואַרץ זאָל אַהער נישט קומען.

דוד: אָבער גאָט איז מיט אייך, שווער לעב, וואָס איז דאָ? אויב עס איז ווירקלעך אַזוי וויכטיק ווי איר זאָגט, אַז איך זאָל רופן אַן אַנדערן דאָקטאָר, פאַרוואָס-זשע זאָל איך נישט וויסן די סיבה?

יחזקאל: אפשר איז די סיבה אַזעלכע, וואָס עס וואָלט גלייכער געווען, דו זאָלסט עס נישט וויסן?

דוד: וואָס?! אַ סיבה, וואָס איך דאַרף זי נישט וויסן? וואָס איז? שוין נייע סעקרעטן, נייע געהיימעניסן? איך בעט אייך, שווער, איך האָלט אייך פאַר אַן ערלעכן, אויפריכטיקן מענטש. אויב דאָ האַנדלט זיך אין אַ געגנשטאַנד, וואָס פאַראינטערעסירט מיין פּערזאָן, דאַן בעט איך אייך זאָגט עס מיר.

יחזקאל: דו ביזט גערעכט! דוד, איך וועל מיר דערלויבן צו זיין אויפריכטיק מיט דיר, איך וועל דיר דעם שרעקלעכן סוד אויפדעקן. דו ווילסט אַצינד שיקן, נאָך דיין יוגנט-פריינט, נאָך דעם דאָקטאָר שוואַרץ, אַלזאָ, זאָלסט וויסן זיין דוד: ער, דער יוגנט-פריינט דיינער, ער איז דאָס געווען דער פאַרפירער פון מיין קינד.

דוד: וואָס?! וואָס האָט איר געזאָגט? ער, הערמאַן!.. ניין, ניין, דאָס איז אוממעגלעך, איך גלייב אייך נישט, דאָס איז נישט אמת

יחזקאל: דאָס איז אַזוי אמת, ווי גאָט איז אמת.

דוד: שווערט נישט שווער, איך קען עס נישט גלייבן.

יחזקאל: עס איז אמת, דו מעגסט עס גלייבן. איך אַליין האָב עס געהערט, פון זיין מויל.

דוד: וואָס, איר האָט דאָס געהערט פון אים? ניין! איך גלייב עס נישט, פאַרוואָס האָט זי עס מיר גלייך נישט געזאָגט.

יחזקאל: זי האָט עס דיר נישט געקענט זאָגן, ווייל ער האָט זי געשראָקן, אַז ער וועט זאָגן, אַז זי האָט זיך צו אים פאַרקויפט פאַר געלט?

דוד: וואָס מיינט איר, פאַר געלט?

יחזקאל: געדענקסטו מיט צוויי יאָר צוריק, ווען דו האָסט געשיקט צו אים אסתרלען, ער זאָל דיר באָרגן געלט, וואָס דו האָסט זייער נייטיק געדאַרפט, כּדי נישט צו ווערן באַנקראָט און ער האָט עס דיר גלייך געבאָרגט און נאָך דעם ווען ער איז דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן באַגאַנגען קעגן איר, האָט ער זי געסטראַשעט, אַז ער וועט זאָגן, אַז זי האָט זיך צו אים פאַרקויפט דעמאָלט, כּדי דאָס געלט צו באַקומען.

דוד: מיין גאָט, איך פאַרליר מיין זונען! ניין, ניין, איך גלויב עס נישט! איך גלויב עס נישט! באַווייזן, באַווייזן, וויל איך!

יחזקאל: באַווייזן? גוט, היינט וועסטו דיר איבערצייגן, אַז מיין קינד איז אַן ערלעכע כּשרע יידישע טאָכטער, אַז זי איז אַזוי ריין ווי אַ מלאך.

דוד: אָבער ווי אַזוי?

יחזקאל: איך אַליין וויל נאָך אים שיקן, איך וויל מיט אים רעדן און דו וועסט אַלץ הערן.

דוד: איך וויל הערן? איר מיינט, אַז ער וועט אַלץ מודה זיין אין מיין בעגנוואַרט?

יחזקאל: ניין, אַודאי נישט, ער דאַרף דיר נישט זען, דו קענסט זיך גאַנץ רואיק זיצן אין אַנדערן צימער, די טיר וועט זיין האַלב אָפן און דו וועסט אַליין קענען אַלץ הערן.

דוד: אוי שווער, ווען דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט איצט זאָל זיין אמת, גאָט מיינער, ווען איך זאָל אויסגעפונען, אַז אייער טאָכטער איז אומשולדיק? אוי שווער, איך קען אייך גאָרנישט אַרויסזאָגן!...

יחזקאל: מיט השי"ת הילף וועסטו היינט אַלץ וויסן, און אַצינד גיי אַריין צו סאַבינעלען, (דוד אָפּ) אַצינד גיי איך שיקן נאָכן דאָקטאָר.

אויפטריט יונה.

יונה: נו, איר שטייט נאָך דאָ? באַלד קומען דאָך די יידן, וואָס איך האָב באַשטעלט צו דער חופּה.

יחזקאל: יאָ, יאָ, באַלד וועלן מיר זיין פאַרטיק, ר' יונה, גייט זייט מוחל אַריין, בעט דעם רב צוהער און ברענגט די חופּה (אָפּ).

אויפטריט שלמקע (צוהרגעט פאַרבינדן דעם קאָפּ).

יונה: ווער איז דער? זע נאָר, דאַכט זיך ר' שלמקע? כאַ, כאַ, כאַ, איך האָב אייך שיעור נישט דערקענט, איר זעט דאָך אויס ווי אַ טערק, וואָס איז אייך ר' שלמקע?

שלמקע: איר זעט דאָך.

יונה: וואָס זע איך?

שלמקע: אַז איך בין אין כּעס.

יונה: הימל עפן דיך! ר' שלמקע איז אין כּעס, היתּכן? היינט, ווען איר זענט אַ בּעל-שמחה?

שלמקע: ר' יונה, איך האָב מורא היינט וועט זיין אַ שמחה אין צווייען.

יונה: וואָס הייסט אין צווייען?

שלמקע: דאָס יונגע פּאָר-פאָלק וועלן היינט חתונה האָבן און דאָס אַלטע פּאָר פאָלק, וועלן זיך אפשר באַלד גטן!...

יונה: וואָס, איר מיט ריקלען וועלן זיך באַלד גטן? כאַ, כאַ, כאַ.

שלמקע: וואָס-זשע איז דאָ פאַר אַ געלעכטער?

יונה: גאָר פּלוצלינג פון דער העלער הויט, פאַרוואָס?

שלמקע: ווען איר זענט פריער אַריינגעקומען צו מיר, מיט דער גוטער בשורה, אַז מיין זון מיט זיין ווייב גייען צוריק חתונה האָבן, ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך מיר פאַר שמחה, פאַר גדולה צעזונגען, קומט אַריין ריקעל און פרעגט מיר: שלמקע, וואָס האָסטו זיך פּלוצלינג צעזונגען? דערצייל איך איר, די גוטע בשורה. האָט איר געדאַרפט זען, ווי זי האָט זיך צעזונגען.

יונה: וואָס האָט זי געזאָגט?

שלמקע (מאַכט נאָך): פריער וועל איך ליגן מיט די ציין אַרויף, איידער די חופּה וועט געשטעלט ווערן.

יונה: און וואָס האָט איר געזאָגט?

שלמקע: ריקעל, זאָג איך צו איר, לייג דיר שוין אַנידער מיט די ציין אַרויף, וואָרום באַלד וועט זיין די חופּה.

יונה: גערעכט, ר' שלמקע, אָט דאָס הייסט גערעדט ווי אַ מאַן! און וואָס האָט זי ווידער געזאָגט?

שלמקע: געזאָגט... זי האָט שוין גאָרנישט געזאָגט, נאָר געטון...

יונה: וואָס-זשע?

שלמקע: איך גיב אַ קוק, עס פליט... עס איז געפלויגן...

יונה: וואָס איז געפלויגן?

ש ל מ ק ע: וואָס איז נישט געפלויגן? די פליישיקע כלים, די מילכיקע כלים, די פאַרוועע כלים...

י ו נ ה: וואוהין איז דאָס אַלץ געפלויגן?

ש ל מ ק ע: וואוהין, פרעגט איר? איר זעט דאָך! (חייזט דעם קאָפּ)

י ו נ ה: און וואָס האָט איר געזאָגט?

ש ל מ ק ע: זי האָט מיר דען צייט געגעבן, עפּעס צו זאָגן? נאָר שפּעטער, ווען זי האָט שוין מער נישט געהאַט צום וואַרפן, האָב איך מיר שטילערהייט צוגעגנבעט צו דער טיר און מיטאַמאָל געגעבן אַ לויף אַרויס. און אָט בין איך דאָ. כאַ, כאַ, כאַ, ר' יונה, זי מוז דאָרטן אַרומלויפן ווי אַ משוגענע מיר זוכן, ווייל זי ווייסט נישט, וואו איך געפון זיך.

ר י ק ע ל (אין דרויסן): וואו דען איז ער, אַז נישט דאָ?

ש ל מ ק ע: (ציטערט).

אויפטריט ריקעל.

ר י ק ע ל: שלמקע לעבן, ווי איז צו מיינע יאָרן, ווי דו זעסט נעבעך אויס, פאַרוואָס גייסטו נישט צו אַ דאָקטאָר?

ש ל מ ק ע: איר הערט כאָטש, ר' יונה? פריער דערהרגעט זי מיר און דערנאָך באַוויינט זי מיר.

י ו נ ה: וואָס האָט איר נעבעך צו אים?

ש ל מ ק ע: ריקעל!

ר י ק ע ל: וואָס איז, שלמקע לעבן?

ש ל מ ק ע: איז כאָטש די פסחדיקע כלים געבליבן גאַנץ?

י ו נ ה: פע, חזנטע, פע, אַזוי צו ממיתן אַ מאַן:

ש ל מ ק ע: און פאַרוואָס?

ר י ק ע ל: בין איך דען שולדיק? דו ברענגסט דאָך מיר דערצו! איר הערט, שדכנים שלאָגן מיר אָפּ די טירן, מיט אַזעלכע טייערע שידוכים און ער, מיין דודל וויל קיינעם נישט הערן און נעמט זיך צוריק די טייערע „מיצאָצע", די בעל-עברהניצע און ער, דער אייגענער טאַטע, הערט דאָס צו, און שטעלט זיך גאָר אַוועק טאַנצן.

ש ל מ ק ע: יאָ, און איך האָף צו השי"ת, אַז דער אמת וועט נאָך אַרויף, אַזוי ווי בוימל אויפן וואַסער.

ר י ק ע ל: וועלכער אמת!

ש ל מ ק ע: אַז נישט אסתרל האָט געזינדיקט, נאָר איר אַלע האָט געזינדיקט קעגן איר.

ר י ק ע ל: טאַקע באמת?

ש ל מ ק ע: הלואי זאָלסטו אַזוי האָבן אַ רפואה שלימה אויף דיינע הענט און אויף דיין פּיסק, דאָס איז ביי מיר אַ הייליקע שבועה, ווי אסתרלס שונאים וועלן נאָך צעטראָסקעט און צעפּיקט ווערן!

ר י ק ע ל: וואָס-זשע, דו שעלסט מיר שוין ווידער? (יזיל אים שלאָגן).

ש ל מ ק ע: יונה! (זי מיט אַ שפּיי, אָפּ) יונה, יונה!

י ו נ ה: וואָס ווילט איר?

ש ל מ ק ע: גיט מיר אַ שמעק טאַבאַק (גיט אים).

אויפטריט דאָקטאָר שוואַרץ.

י ו נ ה: אוי, דאָקטאָר! איר זענט געקומען ווי געוואונטשן, מיר האָבן דאָ זייער אַ חולה מסוכן, אונזער שלמקע האָט זיך נעבעך אויסגעגליטש און געפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ, זייט אַזוי גוט און מאַכט אים אַ „באַנאַזש"...

ש ו ו אַ ר ץ: אַ וואָס זאָל איך אים מאַכן?

י ו נ ה: אַ באַנאַזש! אַ באַנאַזש, אָט דאָס וואָס מען וויקלט איין.

ש ו ו אַ ר ץ: אַ, אַ באַנדאַזש, מיינט איר.

י ו נ ה: יאָ, יאָ, אַ ברענדאַזש. (אָפּ)

ש ל מ ק ע: דאָקטאָר, נישט איך בין געפאַלן, נאָר מיין ריקעל איז איבער מיר געפאַלן.

ש ו ו אַ ר ץ: אייער פולס גייט נישט ריכטיק.

ש ל מ ק ע: אפשר גייט אייער זייגער נישט ריכטיק?

ש ו ו אַ ר ץ: נו, אַצינד וועל איך אייך באַטראַכטן. (באַטראַכט) וואָס איז דאָס? טעלער? וואו קומט צו אייך טעלער?

ש ל מ ק ע: ס'איז געפלויגן.

ש ו ו אַ ר ץ: וואָס איז געפלויגן?

ש ל מ ק ע: טעלער זענען געפלויגן, מען האָט זיי געוואָרפן, זענען זיי געפלויגן.

ש ו ו אַ ר ץ: ווער האָט געוואָרפן?

ש ל מ ק ע: איך האָב דאָך אַ ווייב.

ש ו ו אַ ר ץ: (פויזע, באַטראַכט די וואונד). נו, איר וועט מאָרגן קומען צו מיר וועל איך אייך פאַרנייען.

ש ל מ ק ע: איר וואוינט דאָך צו-ווייט. איך וועל דאָ צוגיין צום שניידער וועט ער מיר פאַרנייען.

ש ו ו אַ ר ץ: יעצט וועל איך אייך צולייגן אַ פלאַסטער.

ש ל מ ק ע: ס'איז נישט געפערלעך? מען קען נישט שטאַרבן דערפון? פאַניע דאָקטאָר, עסן מעג איך אַלצדינג?

שוואַרץ: יאָ, נאָר לייכטע זאַכן.

שלמקע: וואָס הייסט לייכטע זאַכן? פּעדערן, וואַטע, שוים פון ביער? „שאַדלעמ-לעקע" מעג איך עסן? דאָקטאָר, ווען וועט איר וויקלען מיין ריקלען אַזוי?

שוואַרץ: ווען זי וועט זיין אין אייער שטאַנד.

שלמקע: גאָטעניו, ווי דערלעב איך עס שוין! פּאַניע דאָקטאָר, איך זע דאָך אויס, ווי אַ ליאַלקע!

שוואַרץ: אַצינד וועל איך אייך פאַרשרייבן אַ מאַשטש צום שמירן.

שלמקע: אויף אַזאַ קליין שטיקל פּאַפּיר?

שוואַרץ: וואָט דאַרפט איר אַ גרעסערס?

שלמקע: איך בין דאָך אינגאַנצן צעהרגעט.

שוואַרץ: עס וועט זיין גענוג, דאָ וועט איר האָבן טראָפּנס צום איינעמען.

שלמקע: אפשר וואָלט מיין ריקעל איינגענומען?

שוואַרץ: וואָס?

שלמקע: אַ מיתה-משונה.

שוואַרץ: איר וועט עס נעמען דריי מאָל טעגלעך.

שלמקע. וועלכע טייגלעך, האָניג-טייגלעך?

שוואַרץ: דריי מאָל אין טאָג אויף אַן עס-לעפל וואַסער.

שלמקע: אפשר אויף אַן עס-לעפל בראָנפן?

שוואַרץ: ווילט איר אַזוי פריינטלעך זיין און מיר אַריינשיקן ר' יחזקלען?

שלמקע: (טוט זיך אָן שוואַרצע צילינדער, לאָזט אַראָפּ די צעטלעך) פּאַניע דאָקטאָר, זייט אַזוי גוט און הייבט מיר אויף די צעטלעך, איך קען מיך נישט אַראָפּבייגן. (שלמקע אָפּ)

שוואַרץ: וואָס קען דער אַלטער מיר דאָ וועלן זעען?

אויפטריט יחזקאל.

יחזקאל: אָ, הער דאָקטאָר!

שוואַרץ: איז דאָ ווער ביי אייך נישט געזונט?

יחזקאל: ניין, דאָקטאָר, נישט וועגן דעם, האָב איך נאָך אייך געשיקט. איך האָב מיט אייך צו ריידן וועגן אַ גאַנץ אַנדערע זאַך.

שוואַרץ: איר מאַכט מיר אויף אַן אמת נייגיריק.

יחזקאל: זיצט דאָקטאָר און מיר וועלן די זאַך גאַנץ רואיק [illegible]ורכריידן.

שוואַרץ (זעצט זיך): אַלזאָ?

יחזקאל: הערט מיך אויס דאָקטאָר, איידער מיר הויבן אָן צו ריידן, מוזט איר מיר זאָגן, אַז איר וועט זיין גאַנץ אָפן מיט מיר.

שוואַרץ: אָבער אום גאָטעס ווילן, זאָגט מיר ענדלעך וואָס איר פאַרלאַנגט?

יחזקאל: מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט, וועגן וואָס איר זענט דאָ פריער געוועזן.

שוואַרץ: וואָס האָט זי אייך דערציילט?

יחזקאל: אַלץ, אַלץ!

שוואַרץ: אַלץ? אַלזאָ וואָס פאַרלאַנגט איר איצט פון מיר?

יחזקאל: זי האָט מיר דערציילט, אַז איידער איר זענט אַוועקגעגאַנגען האָט איר זי געסטראַשעט, אַז איר וועט איר שלעכטס טון. וואָס [illegible]ילט איר פון איר?

שוואַרץ: אויב איר ווייסט שוין ווירקלעך אַלץ, דאַן קען איך מיט אייך אָפן ריידן. ר' יחזקאל, איך ליב אייער טאָכטער, און אויב מיר וועט נישט געלונגען מיט איר חתונה צו האָבן, דאַן ווייס איך נישט, וואָס מיט מיר וועט פּאַסירן. איך בין אַליין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, צו וואָס מיין פאַרצווייפלונג וועט מיר טרייבן. ר' יחזקאל, איך קען נישט לעבן אָן איר.

יחזקאל: דאָקטאָר, איר זענט דאָך אַ געלערנטער מענטש, אַ מענטש מיט שכל, נו פרעג איך אייך, ווי אַזוי קענט איר גאָר פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל אייך ליבן, ווען איר זענט געווען דער, וואָס האָט אויף איר געבראַכט אַזוי פיל צרות, אַזוי פיל יסורים, און דאָס איז נאָך ווייניק פאַר אייך, סטראַשעט איר זי נאָך, אַז איר וועט זאָגן פאַר דער וועלט, אַז זי האָט זיך פאַרקויפט צו אייך פאַר געלט. גייט אַריין אין איר לאַגע דאָקטאָר. ווען איר זענט אויף איר אָרט, וואָלט איר געקענט אַזאַ מענטש ליב האָבן?

שוואַרץ: וואָס דען זאָל איך טון, ר' יחזקאל? זאָגט איר מיר, לערנט איר מיר, ווי אַזוי קען איך זי געווינען? גלייבט מיר, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט נישט זיין צו שווער פאַר מיר, איך בין רייך, איך בין צופרידן אַלץ וועל איך אָפּגעבן: מיין געלט, מיין פאַרמעגן, מיין לעבן, א[illegible]ץ, אַלץ, זאָגט מיר נאָר, וואָס זאָל איך טון?

יחזקאל: צו אַלעם ערשט איז דער אמת, איר מוזט זען, אַז דער אמת זאָל אַרויס, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז זי איז אַן ערלעכע [illegible]ע יידישע טאָכטער. דאָס איז דער איינציקער וואונטש אין איר לעבן און איך בין זיכער, אַז דערפאַר אַליין, וועט זי אייך אויפהערן אַזוי שטאַרק צו האַסן.

שוואַרץ: אָבער וואָס רעדט איר, ר׳ יחזקאל, ווי קען איך דאָס טון? ווען איך זאָל באַקאַנט מאַכן פאַר דער וועלט דעם גאַנצן אמת, אַז זי איז אומשולדיק, דאַן בין איך פאַרלוירן: ערשטנס, איז עס פאַרבינדן מיט קרימינאַל און צווייטנס וועט זיך עס דוד דערוויסן און דאַן וואָלט איך מיר דאָס לעבן גענומען.

אויפטריט דוד (שנעל).

דוד: דאַן קענסטו דיר שוין דאָס לעבן נעמען!

שוואַרץ: דוד?!

יחזקאל: אַצינד וועל איך אייך איבערלאָזן אַליין, אַלטע יוגנט-פריינט!... (אַפּ)

דוד: אַלזאָ דו ביזט עס געווען די שלאַנג, וואָס האָט רואינירט מיין גן-עדן? דו מיין יוגנט-פריינד, מיין שול-חבר? מיט וועמען איך האָב זיך געטיילט מיין לעצטן ביסן. דו, וועלכער ביזט ביי מיר אין הויז געווען, ווי אַ ברודער, דו האָסט מיין לעבן פאַרניכטעט, מיין הויז צעשטערט! אָ, ווי אַ הונט, דאַרף איך דיך יעצט דערשיסן! אַזוי ווי מיין קליענט האָט געטון! דו האָסט עס פאַרדינט! אָבער ניין, איך וועל עס נישט טון, צוליב מיין פרוי און קינד וועל איך עס נישט טון, און דו גיפטיקע שלאַנק, גיי! גיי!!! זאָל דיר דיין אייגענער געוויסן, פלאָגן און מאַטערן, און דיין לעבן אויף פאַרביטערן, ווי דו האָסט מיינס געוואָלט פאַרביטערן.

שוואַרץ: דוד, פאַרגיב מיר!...

דוד: קיין וואָרט מער! גיי! (שוואַרץ אַפּ).

דוד רופט: אסתרל! סאַבינעלע! שווער! קומט אַלע אַריין!

אויפטריט אַנסאַמבל.

דוד: אסתר, מיין גוטע ערלעכע אסתר, פאַרגיב מיר!

אסתר: דוד! (אומאַרמונג).

סאַבינע (מיט פרייד): פּאַפּאַ! מאַמאַ! (אַ שאָס אונטער דער סצענע).

אויפטריט ריקעל.

ריקעל: דער דאָקטאָר האָט זיך דערשאָסן אין זיין קאַרעטע!

יחזקאל: אַ שיינע, ריינע כפּ״ה, קינדערלעך! גאָט זאָל אייך העלפן, אַז פון איצט און ווייטער, זאָל ביי אייך זיין תמיד שלום און ברכה!

אויפטריט יונה (מיט אַ חופּה).

(געזאַנג: „והוא ימשל בך״).

פאָרהאַנג.

ענדע.